STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04617

DI GESHIKHTE FUN ERSHTN MAY

Aleksander Trakhtenberg

Permanent preservation of this book was made possible
by Daniel & Deborah Sternberg
in honor of
Mary & Leo Sternberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די
געשיכטע
פון
ערשטן מאַי

פון אַלעקסאַנדער טראַכטענבערג

פרייז 5 סענט

אַרויסגעגעבן פון דער אידישער בּיוראָ
באַם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער
קאָמוניסטישער פּאַרטיי
פון די פאַראייניקטע
שטאַטן

ניו־יאָרק, אַפּריל, 1934.

טיראַזש 10,000 עקז.

PROMPT PRESS -- 50 E. 13TH ST., NEW YORK CITY
209

די געשיכטע פון ערשטן מאַי

פון אַלעקסאַנדער טראַכטענבערג

דער קאַמף פאַר אַ קירצערער אַרבעט־וואָך

דער אורשפרונג פון דעם ערשטן מאַי איז אומצעטיילבאַר פאַר־בונדן מיטן קאַמף פאַר אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר אַ פאָדערונג פון גרויסער פּאָליטישער באַדייטונג פאַרן אַרבעטער־קלאַס. דער דאָזיקער קאַמף איז אַנטשטאַנען כמעט באַם אָנהייב פון דער פאַבריק־סיסטעם אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

כאָטש די פאָדערונג פאַר העכערע שכירות שיינט צו זיין די איבערוועגנדיקע אורזאַך פאַר די ערשטע סטרייקס דאָ אין לאַנד, זיינען די פראַגן וועגן קירצערע שטונדן און דאָס רעכט צו אָרגאַניזירן זיך אין יוניאָנס שטענדיק געשטאַנען אין פאָדערגרונד, ווען אַרבעטער האָבן פאָרמולירט זייערע פאָדערונגען קעגן די באָסעס און קעגן דער רעגירונג. שטענדיק, ווען די עקספּלואַטאַציע איז פאַרשטאַרקט גע־וואָרן און די אַרבעטער האָבן שווערער דערפילט דעם יאָך פון אומ־מענטשלעך־לאַנגע אַרבעט־שטונדן, פלעגט שטאַרקער ווערן די פאָדע־רונג צו רעדוצירן דעם אַרבעטס־טאָג.

שוין באַם אָנהייב פון נייַנצעטן יאָרהונדערט האָבן די אַרבעטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויסגעדריקט זייער אומצופרידנקייט מיט דעם דעמאָלט־הערשנדיקן אַרבעטס־טאָג, וואָס האָט זיך געצויגן פון זון־אויפגאַנג ביז זון־פאַרגאַנג. פערצן, זעכצן, און אפילו אכצן שעה אַ טאָג אַרבעט זיינען דעמאָלט געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג. בשעת'ן פאַרשווערונג־פּראָצעס, וואָס איז אין 1806 פאַרפירט געוואָרן קעגן די פירער פון די סטרייקנדיקע שוסטערס, איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער פאַקט, אַז די שוסטערס האָבן געאַרבעט צו נייַנצן און צו צוואַנציק שעה אַ טאָג.

די צוואַנציקער און די דרייסיקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט זיינען פול מיט סטרייקס פאַר דער רעדוקציע פון אַרבעט־שטונדן, און קאָנקרעטע פאָדערונגען פאַר אַ צען־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ ריי אינדוסטריעלע צענטערס. די אָרגאַניזאַציע פון דער יוניאָן פון מעכאַניקער אין פילאַדעלפיע, וואָס ווערט פאַררעכנט אַלס די ערשטע טרייד־יוניאָן אין דער וועלט, ווייל זי איז פאַרמירט געוואָרן מיט צוויי יאָר פאַר דער ערשטער טרייד־יוניאָן אין ענגלאַנד, קאָן מיט רעכט צוגעשריבן ווערן צום סטרייק פון די בוי־אַרבעטער, וועלכע האָבן נאָך אין 1827 אין פילאַדעלפיע אַרויס־געשטעלט די פאָדערונג פאַר אַ צען־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג. אין פאַר־לויף פון דעם בעקער־סטרייק, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1834 אין ניו־יאָרק, האָט דער „וואָירקינגמענס אַדוואָקייט" באַריכטעט, אַז „די

באַלמעלאָכעס, וואָס אַרבעטן אין די בעקערייען, ליידן שוין יאָרן־לאַנג פיל ערגער ווי די קנעכט אין עגיפּטן האָבן געליטן. זיי זיינען געצוואונגען צו שקלאַפן א דורכשניט פון אכצן ביז צוואַנציק פון די פיר־און־צוואַנציק שטונדן אין מעת־לעת".

די פאָדערונג פאַר א צען־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג איז אינגיכן זיך צעוואַקסן אין א באַוועגונג, וועלכע האָט, טראָץ דער שטערונג בשעת'ן קריזיס פון 1837, געפירט דערצו, אַז די פעדעראַלע רעגירונג אונטער פּרעזידענט וואַן־ביורען זאָל אָננעמען דעם צען־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג פאַר אַלע וואָס זיינען באַשעפטיקט מיט מלוכה־אַרבעט. אָבער דער קאַמף פאַר אַן אַלגעמיינעם צען־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג איז פאָרגעזעצט געוואָרן אין פאַרלויף פון די קומענדיקע יאָרן. אַזוי שנעל ווי די דאָזיקע פאָדערונג איז פאַרזיכערט געוואָרן אין א ריי אינדוסטריעס, האָבן די אַרבעטער אַרויסגעלאָזט א רוף פאַר אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג. די פיבערהאַפטע אַרבעט צו אָרגאַניזירן לייבאָר־יוניאָנס אין די פופציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט האָט צוגעגעבן דער דאָזיקער פאָדערונג א באַזונדערן אימפעט, וואָס איז, אגב, אָפּגעשטעלט געוואָרן א דאַנק דעם קריזיס פון 1857. די פאָדערונג אָבער איז דאָך דערגרייכט געוואָרן אין א פאַר זייער־גוט אָרגאַניזירטע פאַכן נאָך פאַרן קריזיס. אַז די באַוועגונג פאַר א קירצערן אַרבעטס־טאָג איז נישט געווען כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר זי איז געווען ווירקזאַם אומעטום, וואו די אַרבעטער זיינען עקספּלואַטירט געוואָרן אונטער דער וואַקסנדיקער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, קאָן מען זען פון דעם פאַקט, וואָס אַפילו אין דער ווייטער אויסטראַליע האָבן די בוי־אַרבעטער אַרויסגעשטעלט דעם רוף פאַר „אַכט שעה אַרבעט, אַכט שעה פאַרוויילונג און אַכט שעה רו", א פאָדערונג וואָס זיי האָבן טאַקע געוואונען אין 1856.

די באַוועגונג פאַרן אַכט־שטונדיקן טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אין אַמעריקע

די באַוועגונג פאַר אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג, וועלכע האָט דירעקט געפירט צום געבורט פון דעם ערשטן מאַי, איז אָבער פאַרוואָרצלט אין דער אַלגעמיינער באַוועגונג וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין יאָר 1884. נאָכמער, א גאַנצער דור פאַר דעם האָט די נאַציאָנאַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט פון אָנהייב אָן געזאָלט אַנטוויקלט ווערן אין א מיליטאַנטיש־אָרגאַניזאַרישן צענטער פון דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס, אויפגעהויבן די פראַגע וועגן א קירצערן אַרבעטס־טאָג און זי האָט פאָרגעשלאָגן צו אָרגאַניזירן א ברייטערע באַוועגונג פאַר אָט־דעם צוועק. אין די ערשטע יאָרן פון בירגער־קריג, 1861—1862, זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן די פאַר געציילטע נאַציאָנאַלע טרייד־יוניאָנס, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרן נישט לאַנג איידער דער קריג האָט אויסגעבראָכן, הויפּטזאַכלעך די יוניאָן פון די אייזנגיסערס און די יוניאָן

פון מאַשיניסטן און שמידן. אין די יאָרן, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט, האָבן זיך עטלעכע לאָקאַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פאַראייניקט אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב און די נויטיקייט פאַר אַ נאַציאָנאַלער פעדע־ראַציע פון די אַלע יוניאָנס איז געוואָרן אויגנשיינלעך. דעם 20טן אויגוסט, 1866, האָבן אין באַלטימאָר זיך צוזאַמענגעקליבן דעלעגאַטן פון אַ 60 טרייד־יוניאָנס און האָבן געגרינדעט די נאַציאָנאַלע לייבאָר יוניאָן. די באַוועגונג פאַר אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע איז אָנגעפירט געוואָרן פון וויליאַם ה. סילוויס, דעם פירער פון דער רעאָרגאַניזירטער אייזנגיסערס יוניאָן, וועלכער, זייענדיק נאָך זייער אַ יונגער מאַן, איז שוין פונדעסטוועגן געווען אַ באַדייטנדיקע פיגור אין דער אַר־בעטער באַוועגונג פון יענער צייט. סילוויס איז געשטאַנען אין שריפטלעכער פאַרבינדונג מיט די פירער פון דעם ערשטן אינטער־נאַציאָנאַל אין לאָנדאָן און ער האָט געהאָלפן צו באַווירקן די נאַציאָ־נאַלע לייבאָר־יוניאָן איינצושטעלן באַציאונגען מיטן הויפּט־ראַט באַם אינטערנאַציאָנאַל.

בא דער גרינדונג־קאָנוועַנשאָן פון דער נאַציאָנאַלער לייבאָר יוניאָן אין 1866 איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיקע רעזאָלוציע, וואָס האָט דירעקט געהאַט צו טאָן מיט דער פראַגע וועגן אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג:

„די ערשטע און וויכטיקסטע נויטווענדיקייט היינט צו טאָג צו באַפרייען די אַרבעטער פון דעם לאַנד פון קאַפּיטאַליס־טישער שקלאַפעריי איז די דורכפירונג פון אַ געזעץ, לויט וועלכן דער נאָרמאַלער אַרבעטס־טאָג זאָל באַשטיין פון אַכט שטונדן אין אַלע שטאַטן פון אַמעריקע. מיר זיינען אַנטשלאָסן אָנצו־ווענדן אַלע אונזערע כוחות צו דערגרייכן דעם גלאָררייכן ציל.”

דיזעלבע קאָנוועַנשאָן האָט געשטימט פאַר אַ זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער אַקציע, וואָס זאָל פאַרזיכערן די דורכפירונג פון דעם אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג אַלס געזעץ. זי האָט אויך געשטימט פאַר „דער דערוויילונג פון מענטשן, וואָס זאָלן גאַראַנטירן צו שטיצן און רעפּרעזענטירן די אינטערעסן פון די אינדוסטריעלע קלאַסן.”

כאָטש די פּראָגראַם און די טאַקטיק פון דער דעמאָלטיקער אַר־בעטער־באַוועגונג איז געווען פּרימיטיוו און נישט פעסט געננג, איז זי דאָך געווען באַזירט אויף געזונטן פּראָלעטאַרישן אינסטינקט, און זי וואָלט זיכער געקאָנט געווען דינען אַלס אָנהייב פאַר אַן אַנטוויקלונג פון אַן עכטער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג דאָ אין לאַנד, ווען נישט די רעפאָרמיסטישע פאַרפירער און די קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטישענס, וועלכע האָבן שפּעטער זיך באַפעסטיקט אין די אַר־בעטער־אָרגאַניזאַציעס און זיי פאַרפירט אויף פאַלשע וועגן. ס'איז אָבער וויכטיק דער פאַקט, וואָס מיט עטלעכע און זעכציק יאָר צוריק האָט די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט, די נאַציאָנאַלע לייבאָר יוניאָן, זיך אויסגעדריקט קעגן „קאַפּיטאַליסטי־שער שקלאַפעריי” און פאַר אַ זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער אַקציע.

אַלס רעזולטאַט פון דער אַגיטאַציע, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן

פון דער נאַציאָנאַלער לייבאָר יוניאָן, זיינען געגרינדעט געוואָרן אַכט־שטונדיקע „ליגס". אַ דאַנק דער פּאָליטישער אַקטיוויטעט, וואָס די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט אַנטוויקלט, האָבן די רעגירונגען פון איינִיקע שטאַטן אָנגענומען דעם אַכט־שטונדיקן טאָג פאַר געזעלשאַפט־לעכער ארבעט און דער קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אין 1868 דורכגעפירט אַן ענלעכן געזעץ.

סילוויס האָט פאַרגעזעצט זיינע פאַרבינדונגען מיטן ערשטן אינטערנאַציאָנאַל אין לאָנדאָן. אונטער זיין איינפלוס אַלס פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט די נאַציאָנאַלע לייבאָר יוניאָן אַף איר קאָנווענשאָן אין 1867 געשטימט צו קאָאָפּערירן מיט דער אינטער־נאַציאָנאַלער באַוועגונג פון ארבעטער־קלאַס. אין 1869 האָט דיזעלבע אָרגאַניזאַציע געשטימט אָנצונעמען די איינלאַדונג פון דעם הויפּט־ראַט און שיקן אַ דעלעגאַט צום קאָנגרעס פון דעם ערשטן אינטער־נאַציאָנאַל אין באַזעל. אומגליקליכערווייז איז סילוויס געשטאָרבן פונקט פאַר דער קאָנווענשאָן פון דער נאַציאָנאַלער לייבאָר יוניאָן און א. ס. קעמעראָן, דער רעדאַקטאָר פון „וואָירקינגמענס אדוואָקייט", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין שיקאַגע, איז געשיקט געוואָרן אַלס דעלעגאַט אַף זיין פּלאַץ.

דער הויפּט־ראַט פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל האָט אין אַ ספּעציעלער רעזאָלוציע באַדויערט דעם טויט פון דעם פיל־פאַרשפּרעכנ־דיקן יונגן אַמעריקאַנער ארבעטער־פירער: „אַלעמענס אויגן זיינען געווענדעט געווען צו סילוויס'ן, וועלכער האָט אַלס גענעראַל פון דער פּראָלעטאַרישער אַרמיי געהאַט די דערפאַרונג פון צען יאָר, חוץ זיינע גרויסע פייאיקייטן — און סילוויס איז טויט."

דער טויט פון סילוויס'ן איז געווען איינע פון די הויפּט־אורזאַכן פון דעם פאַנאַנדערפאַל, וואָס האָט אינגיכן דערפירט די נאַציאָנאַלע לייבאָר יוניאָן צום צוזאַמענברוך און אָפּווישונג.

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל נעמט־אָן דעם אַכט־שטונדיקן ארבעטס־טאָג

דער באַשלוס פאַר אַן אַכט־שטונדיקן ארבעטס־טאָג איז אָנגע־נומען געוואָרן פון דער נאַציאָנאַלער לייבאָר יוניאָן אין אויגוסט, 1866. אין סעפּטעמבער פון זעלבן יאָר האָט דער קאָנגרעס פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, אָפּגעהאַלטן אין זשענעווע, אַרויסגעשטעלט די זעלבע פאָדערונג אין פאָלגנדיקע ווערטער:

„די לעגאַלע פאַרקירצונג פון דעם ארבעטס־טאָג איז אַן אַבסאָלוטער פאָרבאַדינג, אָן וועלכן אַלע ווייטערדיקע פאַרזוכן צו פאַרבעסערן און עמאַנציפּירן דעם ארבעטער־קלאַס מוזן זיך אַרויסווייזן אַלס נישט־געלונגען. . . . דער קאָנגרעס שלאָגט־פאָר די אַכט שטונדן אַלס לעגאַלע פאַרקירצונג פון דעם ארבעטס־טאָג."

אין דעם קאַפּיטל וועגן „אַרבעטס־טאָג" אין דעם ערשטן באַנד פון „קאַפּיטאַל", וואָס איז דערשינען אין 1867, ציט מאַרקס די אויפמערקזאַמקייט צו דער איינפירונג פון דעם אַכט־שטונדיקן אַר־בעטס־טאָג מצד דער נאַציאָנאַלער לייבאָר יוניאָן. אין דעם פּאַראַגראַף, וואָס איז באַזונדערס באַרימט צוליב דעם וואָס ער אַנטהאַלט מאַרקס'עס אָנדייטונג אַף דער סאָלידאַריטעט פון די קלאַסן־אינטערעסן צווישן די נעגערשע און ווייסע אַרבעטער, שרייבט ער:

„אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע איז יעדער סאָרט פון זעלבסטשטענדיקער אַרבעטער־באַוועגונג פּאַראַליזירט געוועזן אַזוי לאַנג ווי די שקלאַפערײַ האָט צעקריפּלט אַ טייל פון דער רעפּובליק. אַרבעטער מיט אַ ווייסער הויט קאָנען זיך נישט באַפרייען אַזוי לאַנג ווי אַרבעטער מיט אַ שוואַרצער הויט זיינען געבראַנדמאַרקט. אָבער אַפן קבר פון שקלאַפערײַ האָט אויפ־געבליט אַ נײַ, קרעפטיק לעבן. די ערשטע פרוכט פון בירגער־קריג איז געוועזן די באַוועגונג פאַרן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָ, אַ באַוועגונג, וועלכע האָט זיך דורכגעטראָגן מיט אַ גע־וואַלטיקער שנעלקייט פון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק, פון ניו־ענגלאַנד ביז קאַליפאָרניע."

מאַרקס ווייזט אָן אַף דעם פאַקט, וואָס כמעט איינצייטיק, אָדער בעסער געזאָגט, אין פאַרלויף פון צוויי וואָכן צייט, האָט אַ קאָנ־ווענשאָן פון אַרבעטער, אָפּגעהאַלטן אין באַלטימאָר, געשטימט פאַרן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג און אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס, אָפּגעהאַלטן אין זשענעווע, אין דער שווייץ, האָט אָנגענומען אַן ענלעכן באַשלוס. „אַזוי איז עס געשען אַף ביידע זייטן פון אַטלאַנטיק, וואו די באַוועגונג פון אַרבעטער־קלאַס, אונטערן ספּאָנטאַנעם וואוקס פון די באַדינגונגען אין דער פּראָדוקציע", האָט אינדאָרסירט די באַוועגונג צו פאַרקירצן די אַרבעטס־שטונדן און עס אויסגעדריקט אין אַ קאָנקרעטער פאָדערונג פאַרן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג.

אַז דער באַשלוס פון דעם קאָנגרעס אין זשענעווע איז געוועזן באַאיינפלוסט פון דעם אַמעריקאַנער באַשלוס, קאָן מען זען פון דער פאָלגנדיקער שטעלע אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע: „אַזוי ווי די דאָזיקע פאַרקירצונג פון אַרבעטס־שטונדן שטעלט מיט זיך פאָר די אַלגעמיינע פאָדערונג מצד די אַרבעטער פון די נאָרט־אַמעריקאַנער פאַראייניקטע שטאַטן, שטעלט דער קאָנגרעס אַרויף די דאָזיקע פאָדע־רונג אַף דער אַלגעמיינער פּלאַטפאָרם פון די אַרבעטער איבער דער גאַנצער וועלט".

אַן ענלעכער איינפלוס מצד דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַווע־גונג אַף אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס און וועגן דעמזעלבן ענין טאַקע איז פאָרגעקומען אַף אַ מער גרינטלעכן אופן מיט 23 יאָר שפּעטער.

דער ערשטער מאַי איז געבוירן געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן אַלס אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע אין 1872, ווען זיין הויפּט־קוואַרטיר איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון לאָנדאָן קיין ניו־יאָרק, כאָטש ער איז אָפיציעל נישט אויפגעלייזט געוואָרן ביז 1876. עס איז געשען באַם ערשטן קאָנגרעס פון דעם ווידער־אויפגעלעבטן אינ־טערנאַציאָנאַל, וועלכער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, אָפּגעהאַלטן אין פּאַריז אין 1889, ווען דער ערשטער מאַי איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס דער טאָג, אין וועלכן די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט, אָרגאַניזירט אין זייערע פּאָליטישע פּאַרטייען און טרייד־יוניאָנס, זיינען גערופן געוואָרן צו קעמפן פאַר דער וויכטיקער פּאָליטישער פאָדערונג: דעם אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג. דער פּאַריזער באַשלוס איז באַאיינפלוסט גע־וואָרן פון אַ באַשלוס, וואָס איז מיט פינף יאָר פריער אָנגענומען גע־וואָרן אין שיקאַגאָ דורך די דעלעגאַטן פון אַ יונגער אַמעריקאַנער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, „די פעדעראַציע פון אָרגאַניזירטע טריידס און לייבאָר יוניאָנס פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע", וואָס איז שפּעטער באַוואוסט געוואָרן אונטערן פאַרקירצטן נאָמען „אַמערי־קאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר". בא דער פערטער קאָנווענשאָן פון אָט־דער אָרגאַניזאַציע, דעם 7טן אָקטאָבער, 1884, איז אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

> „באַשלאָסן בא דער פעדעראַציע פון אָרגאַניזירטע טריידס און לייבאָר יוניאָנס פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, אַז פון דעם ערשטן מאַי, 1886, זאָל דער געזעצלעכער אַרבעטס־טאָג באַשטיין פון אַכט שטונדן און אַז מיר רעקאָמענדירן צו די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אַז זיי זאָלן אין די גרענעצן פון זייער יוריסדיקציע אַזוי דורכפירן זייערע געזעצן, אַז זיי זאָלן זיך צופּאַסן צו אָט־דער רעזאָלוציע צו דער אויבנדערמאָנטער צייט."

כאָטש אין דער רעזאָלוציע איז גאָרנישט נישט געזאָגט געוואָרן וועגן די מעטאָדן, לויט וועלכע די „פעדעראַציע" האָט דערוואַרט איינ־צופירן דעם אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג, איז עס זעלבסטפאַרשטענד־לעך, אַז אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט צו יענער צייט געציילט אין אירע רייען איבער 50 טויזנט מיטגלידער, האָט נישט געקאָנט דער־קלערן „אַז דער געזעצלעכער אַרבעטס־טאָג זאָל באַשטיין פון אַכט שטונדן", נישט זייענדיק גרייט צו קעמפן פאַר דעם אין די שפּעטער און אין די מאַינס, וואו אירע מיטגלידער זיינען געווען באַשעפטיקט, און נישט מאַכנדיק קיין פאַרזוך אַריינצוציען אין דעמדאָזיקן קאַמף פאַר אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג אַ פיל גרעסערע צאָל אַרבעטער. דער פאָרשריפט אין דער רעזאָלוציע, אַז די יוניאָנס, וואָס זיינען

אָנגעשלאָסן אָן דער „פעדעראַציע", „זאָלן אַזוי דורכפירן זייערע געזעצן, אַז זיי זאָלן זיך צופּאַסן צו אָט־דער רעזאָלוציע", האָט זיך באַצויגן צו דעם ענין פון צאָלן סטרייק־בענעפיטס צו זייערע מיט־גלידער, וועלכע האָבן געדאַרפט אַרויסגיין אין סטרייק דעם ערשטן מאַי 1886 פאַרן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג, און וואָלטן צוליב דעם מסתם געדאַרפט סטרייקן אַ לאַנגע צייט און זיי וואָלטן זיך גע־נויטיקט אין הילף פון דער יוניאָן. אַזוי ווי די סטרייק־אַקציע האָט געזאָלט זיין אויף אַ נאַציאָנאַלן מאסשטאַב און געזאָלט אַרייַנציִען אַלע אַפיליאירטע אָרגאַניזאַציעס, האָבן די יוניאָנס, לויט זייערע אייגענע ביי־געזעצן, געדאַרפט זיך פאַרזיכערן מיט דער גוטהייסונג פון סטרייק מצד זייערע מיטגלידער, איבערהויפּט ווען דאָס האָט געהאַט צו טאָן מיטן פאַרברויך פון פאָנדן א. אז. וו. מען מוז אויך האָבן אין זינען, אַז די דעמאָלטיקע „פעדעראַציע", פונקט ווי די איצטיקע א. פ. אָוו ל., איז געגרינדעט געוואָרן אויף אַ פרייוויליקן, פעדעראַטיוון באַזיס, און די באַשלוסן פון אַ נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן האָבן געקאָנט זיין פאַרפליכטנדיק אויף די אַפיליאירטע יוניאָנס בלויז ווען די דאָזיקע יוניאָנס האָבן גוטגעהייסן אַזעלכע באַשלוסן.

די צוגרייטונגען צום ערשטן מאַי סטרייק

כאָטש די צען יאָר צווישן 1880 און 1890 זיינען אין אַלגעמיין געווען די אַקטיווסטע יאָרן אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַמערי־קאַנער אינדוסטריע און אין דער אויסשפּרייטונג פון דעם מאַרק פאַר אַמעריקאַנער סחורות, איז אָבער אין פאַרלויף פון 1884—1885 פאָר־געקומען אַ דעפּרעסיע, וואָס איז געווען אַ פאָרזעצונג פון דעם קריזיס פון 1873. די באַוועגונג פאַר אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג האָט צוגעקראָגן אַ שנעלערן אימפּעט אַ דאַנק דער אַרבעטלאָזיקייט און דער גרויסער נויט, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אין יענער צייט, פונקט ווי איצט ווערט די פאָדערונג פאַר אַ זיבן־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג אַ פאַר־שפּרייטע אישו צוליב דער געוואַלטיקער אַרבעטלאָזיקייט, וואָס די אַמעריקאַנער אַרבעטער לעבן איצט דורך.

די ריזיקע סטרייק־קאַמפּאַן פון 1877, ווען צענדליקער טויזנטער באַן־אַרבעטער און שטאָל־אַרבעטער האָבן מיליטאַנטיש געקעמפט קעגן די קאָרפּאָריישאָנס און קעגן דער רעגירונג, וועלכע האָט געשיקט איר אַרמיי אונטערצודריקן די סטרייקס, האָבן געמאַכט אַ טיפן איינ־דרוק אויף דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס איז פאַקטיש געווען די ערשטע ריזיקע מאַסן־אַקציע פון דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס אויף אַ נאַציאָנאַלן פאַרנעם. און כאָטש די אַמעריקאַנער אַר־בעטער זיינען דעמאָלט באַזיגט געוואָרן אַ דאַנק די פאַראייניקטע כוחות פון קאַפּיטאַל און רעגירונג, זיינען זיי דאָך אַרויסגעקומען פון אָט־די שטרייטן מיט אַ מער־קלאָרער פאַרשטענדעניש פאַר זייער קלאַסן־פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט, מיט אַ פאַרגרעסערטער קאַמפּס־לוסטיקייט און מיט אַ געהעכערטן קוראַזש. עס איז טיילווייז געווען

אַן ענטפּער צו די קוילן־באַראָנען פון פּענסילווייניע, וועלכע האָבן אין אַ פּאַרזוך צו פּאַרניכטן די מאַינער־אָרגאַניזאַציע אין די האַרטע־קוילן־געגנטן, געשיקט צו דער תליה צען מיליטאַנטישע מאַינערס (מאָלי מעגווייערס) אין 1875.

די פּעדעראַציע, וואָס האָט זיך אָקאָרשט געגרינדעט, האָט געזען פאַר זיך די מעגלעכקייט אויסצונוצן דעם לאָזונג פאַר אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג אַלס אַ פאַראייניקטן אָרגאַניזאַציע־רוף צווישן די ברייטע אַרבעטער־מאַסן, וואָס זיינען געווען אויסערהאַלב דער פּעדעראַציע און „די נייטס אָוו לייבאָר” (די ריטער פון אַרבעט), אַן עלטערע און דעמאָלט־וואַקסנדיקע אָרגאַניזאַציע. די פּעדעראַציע האָט זיך געווענדט צו די „נייטס אָוו לייבאָר” צו שטיצן די באַוועגונג פאַר אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג, איינזעענדיק אַז בלויז אַ פאַראייניקטע אַקציע, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט, קאָן ברענגען גינסטיקע רעזולטאַטן.

בא דער קאָנווענשאָן פון דער פּעדעראַציע אין 1885 איז ווידער־האָלט געוואָרן די רעזאָלוציע פאַר אַן אַרויסטריט דעם ערשטן מאַי פון קומענדיקן יאָר, און עטלעכע נאַציאָנאַלע יוניאָנס האָבן זיך גענומען גרייטן צום קאַמף. צווישן זיי האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די קאַרפּענטערס און די ציגאַר־מאַכער. די אַגיטאַציע פאַר אַן ערשטן־מאַי־אַקציע און פאַר אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג האָט באַוויזן באַלדיקע רעזולטאַטן דורך דעם וואוקס פון דער מיטגלידערשאַפט אין די עקזיסטירנדיקע יוניאָנס. די „נייטס אָוו לייבאָר” איז געוואָקסן, ווי אַף הייוון, דערגרייכנדיג דעם העכסטן פּונקט פון איר וואוקס אין 1886. עס ווערט אָנגעגעבן, אַז די „נייטס אָוו לייבאָר”, וועלכע איז צו יענער צייט געווען מער פּאָפּולער ווי די פּעדעראַציע און איז געווען פאַררעכנט אַלס אַ קעמפערישע אָרגאַניזאַציע, האָט אין פאַר־לויף פון יענעם פּעריאָד פאַרגרעסערט איר מיטגלידערשאַפט פון 200 טויזנט אַף 700 טויזנט. אַ דאַנק איר פאַרזוך אָנצופירן מיט דער באַוועגונג און באַשטימען אַ טאָג פאַרן סטרייק פאַר אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג איז די פּעדעראַציע אויך געוואָקסן אין צאָל פון אירע מיטגלידער און זיך דערוואָרבן אַ גרעסערן פּרעסטיזש צווישן די ברייטע אַרבעטער־מאַסן. ווען דער טאָג פון סטרייק האָט זיך דערנענטערט און עס איז געוואָרן קלאָר אַז די פירערשאַפט פון די „נייטס אָוו לייבאָר”, באַזונדערס טערענס פּאַודערלי, סאַבאָטאַזשירט די באַוועגונג און ראָט די יוניאָנס אין געהיים נישט צו סטרייקן, האָט זיך די פּאָפּולאַריטעט פון דער פּעדעראַציע פאַרגרעסערט. די ריינק און פייל פון ביידע אָרגאַניזאַציעס האָט זיך ענטוזיאַסטיש געגרייט צום קאַמף. אין פאַר־שיידענע שטעט זיינען אויסגעוואָקסן אַכט־שטונדן ליגס און אַסאָציאַ־ציעס און איבער דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג האָט געהערשט אַ דערהויבענער גייסט פון קאַמפּסלוסטיקייט, וואָס האָט אָנגעשטעקט די נישט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער־מאַסן.

דער בעסטער וועג ווי אויסצוגעפינען די שטימונגען פון די אַרבעטער איז צו שטודירן דעם פאַרנעם און די ערנסטקייט פון זייערע קאַמפן. די צאָל סטרייקס אין פאַרלויף פון אַ באַשטימטן פעריאָד איז אַ גוטער באַווייז פון דער קאַמפס־שטימונג בא די אַרבעטער. די צאָל סטרייקס אין די יאָרן 1885 און 1886, אין פאַרגלייך מיט די פריער־דיקע יאָרן, באַווייזט וואָס פאַראַ מיליטאַנטישער גייסט עס האָט דעמאָלט געהערשט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. נישט נאָר האָבן די אַרבעטער זיך געגרייט פאַר דער ערשטער־מאַי־אַקציע פון 1886, נאָר שוין אין 1885 האָט די צאָל סטרייקס געוויזן אַ באַדייטנדיקן וואוקס. אין פאַרלויף פון די יאָרן 1881—1884 איז די צאָל סטרייקס און לאָק־אוטס געווען אין דורכשניט ווייניקער פון 500, און דער דורכשניט פון די באַטייליקטע איז געווען אַרום 150 טויזנט אַרבעטער אַ יאָר. אין 1885 איז די צאָל פון סטרייקס און לאָקאַוטס פאַרגרעסערט גע־וואָרן ביז 700 און די צאָל באַטייליקטע אַרבעטער האָט זיך אַ הויב געטאָן ביז 250 טויזנט. אין 1886 האָט זיך די צאָל פון סטרייקס פאַר־טאָפּלט, דערגרייכנדיק ביז 1,572, מיט אַ פּראָפּאָרציאָנעלער פאַר־גרעסערונג פון באַטייליקטע אַרבעטער — 600 טויזנט. ווי ווייט די סטרייק־כוואַליע האָט זיך פאַרשפּרייט אין 1886, קאָן מען זען פון דעם פאַקט, וואָס בעת אין 1885 זיינען בלויז 2,467 אונטערנעמונגען אָנגערירט געוואָרן פון סטרייק, איז זייער צאָל אין 1886 אויסגעוואַקסן ביז 11,562. טראָץ דעם אָפּנעם סאַבאָטאַזש מצד דער פירערשאַפט פון די „נייטס אָוו לייבאָר", איז אָפּגעשאַצט געוואָרן אַז העכער 500 טויזנט אַרבעטער האָבן זיך דירעקט באַטייליקט אין די סטרייקס פאַרן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג.

דער סטרייק־צענטער איז געווען שיקאַגאָ, וואו די סטרייק־באַוועגונג איז אַממערסטן געווען פאַרשפּרייט, אָבער אַ סך אַנדערע שטעט האָבן זיך באַטייליקט אין דעם קאַמף פון ערשטן מאַי. ניו־יאָרק, באַלטימאָר, וואַשינגטאָן, מילוואָקי, סינסינעטי, סט. לואיס, פּיטסבורג, דעטראָיט און פיל אַנדערע שטעט האָבן געוויזן אַ גוטן ביישפּיל מיט זייער אַרויסטריט. דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע פון דער סטרייק־באַוועגונג איז געווען, וואָס די נישט־קוואַליפיצירטע און אומאָרגאַני־זירטע אַרבעטער זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין קאַמף און אויך דאָס, וואָס אַ ריי סימפּאַטיע־סטרייקס האָט זיך פאַרשפּרייט אין יענער צייט. אַ מיליטאַנטישער גייסט האָט געהערשט איבערן לאַנד און בורזשואזע היסטאָריקער ריידן נאָך איצט וועגן דער „סאָציאַלער מלחמה" און וועגן דער „שנאה צום קאַפּיטאַל", וועלכע איז פּראָקלאַ־מירט געוואָרן אין פאַרלויף פון יענע סטרייקס, ווי אויך וועגן דער באַגייסטערונג, מיט וועלכער די רענק־און־פייל־ערס זיינען דעמאָלט געווען דורכגעדרונגען. עס איז אָפּגעשאַצט געוואָרן, אַז אַרום אַ העלפט פון דער צאָל אַרבעטער, וואָס האָבן געסטרייקט דעם ערשטן מאַי, איז געווען דערפאָלגרייך, און אפילו דאָרט וואו זיי האָבן נישט

געוואונען דעם אכט־שטונדיקן ארבעטס־טאָג, האָבן זיי דאָך באוויזן צו פארקירצן די ארבעטס־שטונדן.

דער סטרייק אין שיקאַגאָ און הײמאַרקעט

דער סטרייק פארן ערשטן מאי איז אממערסטן געווען אגרעסיוו אין שיקאגע, וועלכע איז צו יענער צייט געווען דער צענטער פון א מיליטאנטישער לינקער ארבעטער־באוועגונג. כאָטש זי איז נישט געווען פאָליטיש גענוג באהאוונט אין א צאָל פראָבלעמען פון דער ארבעטער־באוועגונג, איז זי דאָך געווען א קעמפערישע באוועגונג, וועלכע איז שטענדיק געווען גרייט צו רופן די ארבעטער צו אקציע, אנטוויקלענדיק זייער קעמפערישן גייסט, און האָט זיך געשטעלט אלס אויפגאבע נישט נאָר די באלדיקע פארבעסערונג פון זייערע לעבנס־ און ארבעטס־באדינגונגען, נאָר אויך די אָפּשאַפונג פון דער גאנצער קאפיטאליסטישער סיסטעם.

מיט דער הילף פון די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער־גרופעס האָט דער סטרייק אין שיקאגע דערגרייכט ווייטע פראָפּאָרציעס. אן אכט־שעה אסאָציאציע איז געגרינדעט געוואָרן נאָך פארן סטרייק מיטן צוועק אים צוצוגרייטן. די סענטראל לייבאָר יוניאָן, וואָס איז געווען צונויפגעשטעלט פון די לינקע ארבעטער־יוניאָנס, האָט געגעבן איר פולע שטיצע דער אכט־שעה אסאָציאציע, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א פאראייניקטע פראָנט־אָרגאניזאציע, וועלכע האָט ארייננגענומען די פעדעראציע־יוניאָנס, די „נייטס אָוו לייבאָר" און די סאָציאליסט לייבאָר פארטיי. דעם זונטיק פארן ערשטן מאי האָט די סענטראל לייבאָר יוניאָן אָרגאניזירט א מאָביליזאציע־דעמאָנסטראציע, וועלכע איז באזוכט געוואָרן פון 25 טויזנט ארבעטער.

דעם ערשטן מאי האָט שיקאגע צוגעזען א ריזיקן מאסן־ארויס־טריט פון ארבעטער, וועלכע האָבן אוועקגעלייגט זייער געצייג אפן רוף פון דער אָרגאניזירטער ארבעטער־באוועגונג פון יענער שטאָט. עס איז געווען די עפעקטיווסטע דעמאָנסטראציע פון קלאסן־סאָלידאַריטעט, וואָס די ארבעטער־באוועגונג האָט ווען עס איז דורכגעמאכט. די וויכטיקייט פון דער פאָדערונג פון אן אכט־שטונדיקן טאָג און דער גראד און כאראקטער פון סטרייק האָט צו יענער צייט געגעבן דער באוועגונג א וויכטיקע פאָליטישע באדייטונג. די דאָזיקע באדייטונג איז פארשטארקט געוואָרן א דאנק די געשעענישן פון די קומענדיקע פאָר טעג. די אכט־שעה באוועגונג, וועלכע האָט דערגרייכט איר העכסטע שטופע מיטן סטרייק פון ערשטן מאי, 1886, שטעלט מיט זיך אליין פאָר א גלענצנדיק קאפיטל אין דער געשיכטע פון די קאמפן פון דעם אמעריקאנער ארבעטער־קלאס.

רעוואָלוציעס אָבער פארמאָגן זייערע קאָנטער־רעוואָלוציעס ביז דער רעוואָלוציאָנערער קלאס שטעלט ענדלעך איין זיין פולשטענדיקן קאָנטראָל. דער זיגרייכער מארש פון די שיקאגער ארבעטער איז דעמאָלט פארהאלטן געוואָרן פון דעם דעמאָלט־שטארקערן און מער־

פאראייניקטן כח פון די באַלעבאַטים מיט דער קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג, וועלכע זיינען געווען אַנטשיידן צו פאַרניכטן די מיליטאַנ־טישע פירער, האָפנדיק דערביי צו דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ דער גאַנצער ארבעטער־באַוועגונג אין שיקאַגאָ. די געשעענישן פון 3טן און 4טן מאַי, וועלכע האָבן געפירט צו דעם טרויעריק־באַרימטן העי־מאַרקעט־משפט, איז געווען אַ דירעקטער פועל־יוצא פון דעם ערשטן מאַי סטרייק. די דעמאָנסטראַציע, וואָס איז דעם 4טן מאַי אָפּגע־האַלטן געוואָרן אַפן העימאַרקעט סקווער, איז גערופן געוואָרן אַלס פּראָטעסט קעגן דער ברוטאַלער אַטאַקע מצד דער פּאָליציי אַף אַ מיטינג פון סטרייקערס אין מעקאָרמיק׳ס מאַשין־פאַבריק מיט אַ טאָג פריער, דעם 3טן מאַי, ווען זעקס ארבעטער זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרן. די דעמאָנסטראַציע איז געווען אַ פרידלעכע און האָט שוין געהאַלטן באַם אויפלייזן זיך, ווען די פּאָליציי האָט ווידער אַטאַקירט די פאַר־זאַמלטע ארבעטער. אַ באָמבע איז געוואָרפן געוואָרן אין עולם אריין, טויטנדיק אַ פּאָליציי־סאַרדזשענט. עס האָט אויסגעבראָכן אַ שלאַכט, אין וועלכער זיבן פּאָליסלייט און פיר ארבעטער זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרן. די בלוט־באָד אַפן העימאַרקעט סקווער, די הינריכטונג פון פּאַרסאָנס, שפּיעז, פישער און ענגעל און דער ארעסט און פאַר־אורטיילונג פון די אַנדערע מיליטאַנטישע ארבעטער־פירער פון שי־קאַגאָ איז געווען דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער ענטפער פון די שיקאַגער באַסעס. עס איז געווען דער רוף צו טאָט פאַר אַלע באַסעס איבערן לאַנד. די צווייטע העלפט פון 1886 איז באַצייכנט געוואָרן אַלס קאָנצענטרירטע אַטאַקע מצד די באַסעס, וועלכע האָבן זיך גע־שטעלט די אויפגאַבע צוריקצוגעווינען די פאַרלוירענע פּאָזיציעס אין פאַרלויף פון דער סטרייק־באַוועגונג פון 1885—1886.

אין 1888, העכער אַ יאָר נאָך דער הינריכטונג פון די שיקאַגער ארבעטער־פירער, האָט די פעדעראַציע, וואָס איז איצט באַקאַנט אַלס די אַמעריקאַן פעדערײשאַן אָוו לייבאָר, בײַ איר קאָנווענשאַן אין סט. לואיס געשטימט צו באַנייען די באַוועגונג פאַר אַן אַכט־שטונדיקן ארבעטס־טאָג. דער ערשטער מאַי, וואָס איז שוין צו יענער צייט געווען אַ טראַדיציע, האָבנדיק געדינט נאָך מיט צוויי יאָר צוריק אַלס קאָנ־צענטראַציע־פּונקט פאַר דער מעכטיקער באַוועגונג פון די ארבעטער אַף דער באַזע פון אַ פּאָליטישער אישו, איז ווידער אויסגעקליבן גע־וואָרן אַלס דער טאָג צו באַנייען דעם קאַמף פאַרן אַכט־שטונדיקן ארבעטס־טאָג. דעם ערשטן מאַי 1890 איז דורכגעפירט געוואָרן אַ וויט־פאַרשפּרייטער סטרייק פאַר אַ קירצערן ארבעטס־טאָג. בײַ דער קאָנווענשאַן אין 1889 איז די פירער פון דער א. פ. אָוו לייבאָר, מיט סעמועל גאָמפּערס בראש, געלונגען צו באַגרעניצן די סטרייק־באַוועגונג. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די קאַרפּענטערס יוניאָן, וועלכע איז דעמאָלט אָנערקענט געוואָרן אַלס די בעסט־צוגעגרייטע פאַרן סטרייק, זאָל דערקלערן דעם סטרייק און אַז אויב ער וועט זיך ארויסווייזן צו זיין דערפאָלגרייך, וועלן אַנדערע יוניאָנס אריינפאַלן אין דער ריי.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע דערציילט גאָמפּערס ווי אַזוי די א. פ.

און לייבאָר האָט געהאָלפן צו פּאַרוואַנדלען דעם ערשטן מאַי אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער־יאָנטעוו: „ווען די פּלענער פאַר דער אַכט־שעה־באַוועגונג האָבן זיך אַנטוויקלט, האָבן מיר נאָכאַנאַנד געזוכט וועגן ווי אַזוי צו פאַרברייטערן אונזער ציל. ווען עס איז געקומען די צייט פאַרן צוזאַמענקונפט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער־קאָנגרעס אין פּאַריז, איז מיר איינגעפאַלן אַז מיר קאָנען העלפן אונזער באַוועגונג, ווען מיר זאָלן קריגן אַן אויסדרוק פון אַלוועלטלעכער סימ־פּאַטיע מצד דעם קאָנגרעס.״ גאָמפּערס, וואָס האָט שוין צו יענער צייט אַרויסגעוויזן אַלע סימנים פון רעפאָרמיזם און אָפּאָרטוניזם, וועלכע האָבן זיך שפּעטער צעבליט אין זיין קלאַס־קאָלאַבאָריישאָן פּאָליטיק, איז דעמאָלט גרייט געווען צו קריגן די שטיצע פון אַ באַ־וועגונג צווישן די אַרבעטער, וועמעס איינפלוס ער אַליין האָט שטאַרק באַקעמפט.

ערשטער מאַי ווערט אַן אינטערנאַציאָנאַלער יאָנטעוו

דעם 14טן יולי, 1889, צום הונדערט־יאָריקן יובילי זינט די באַסטיל איז געפאַלן, האָבן זיך אין פּאַריז פאַרזאַמלט די פירער פון אָרגאַניזירטע רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע באַוועגונגען פון פיל לענדער אויפסניי צו גרינדן אַן אינטערנאַציאָנאַלע ארבעטער אָרגאַני־זאַציע לויטן מוסטער פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט 25 יאָר פריער פון זייער גרויסן לערער קאַרל מאַרקס. די אָנוועזנדיקע בא דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, פון וועלכער עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, האָבן אויס־געהערט דעם באַריכט פון די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן וועגן זייער קאַמף אין אַמעריקע פאַרן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג אין פאַרלויף פון די יאָרן 1884—1886, ווי אויך וועגן דער לעצטער באַנייאונג פון אָט־דער באַוועגונג. באַגייסטערט פון דעם ביישפּיל פון די אַמערי־קאַנער אַרבעטער, האָט דער פּאַריזער קאָנגרעס אָנגענומען פּאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„דער קאָנגרעס באַשליסט צו אָרגאַניזירן אַ גרויסע אינטער־נאַציאָנאַלע דעמאָנסטראַציע אַזוי, אַז אַלע האָרעפּאַשנע מאַסן אין אַלע לענדער און אין אַלע שטעט זאָלן אין אַ באַשטימטן טאָג פאָדערן בא די רעגירונגס־באַאַמטע אַ געזעצלעכע פאַר־קירצונג פון אַרבעטס־טאָג אויף אַכט שטונדן, ווי אויך די דורכ־פירונג פון אַנדערע באַשלוסן פון דעם פּאַריזער קאָנגרעס. אַזוי ווי די אַמעריקאַנער פעדעריישאָן אָוו לייבאָר האָט בא איר קאָנווענשאָן אין סט. לואיס, אין דעצעמבער 1888, שוין באַ־שלאָסן דורכצופירן אַן ענלעכע דעמאָנסטראַציע דעם 1טן מאַי, 1890, ווערט דער דאָזיקער טאָג אָנגענומען אַלס דער טאָג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער דעמאָנסטראַציע. די אַרבעטער פון די פאַרשיידענע לענדער מוזן אָרגאַניזירן די דאָזיקע דעמאָנ־

סטראַציע לויט די באַדינגונגען וואָס הערשן אין יעדן לאַנד באַזונדער."

דער פּונקט אין דער רעזאָלוציע, וואָס רעדט וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע לויט די אָביעקטיווע באַדינגונגען, וואָס הערשן אין יעדן לאַנד באַזונדער, האָט אייניקע פאַרטייען געגעבן די געלעגנהייט, באַזונדערס דער בריטישער אַרבעטער־באַוועגונג, אויסצוטייטשן די דאָזיקע רעזאָלוציע אַלס נישט פאַרפליכטנדיק פאַר אַלע לענדער. אַזוי אַרום זיינען שוין בײַ דער סאַמע גרינדונג פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל געווען אַזעלכע פּאַרטייען, וואָס האָבן אים באַטראַכט בלויז אַלס אַ ראַט־געבנדיקע קערפּערשאַפט, וואָס פונקציאָנירט בלויז אין צייט פון קאָנגרעס פאַר אינפאָרמאַציע און מיינונגס־אויסטויש, אָבער בשום אופן נישט אַלס אַ צענטראַליזירטע אָרגאַניזאַציע, אַן אַלוועלטלעכע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פּאַרטיי, אַזאַ ווי מאַרקס האָט געוואָלט שאַפן דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל מיט יאָרן פריער.

ווען ענגעלס האָט אין 1874, איידער דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל איז אויפגעלייזט געוואָרן אין אַמעריקע, געשריבן צו זיין פריינט זאָרגע: „איך דענק, אַז דער קומענדיקער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס וועט געגרינדעט ווערן לויט דער לערע פון מאַרקס'ן און וועט ברייט באַקאַנט ווערן אין די קומענדיקע יאָרן, וועט זיין אַ ריין־קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל", — האָט ער נישט פאָראויסגעזען, אַז בײַ דער סאַמע גרינדונג פון דעם באַנייטן אינטערנאַציאָנאַל וועלן אָנוועזנדיק זיין רעפאָרמיסטישע עלעמענטן, וועלכע וועלן אים באַטראַכטן אַלס אַ פרייוויליקע פעדעראַציע פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אָן פאַרפליכטונגען פון איינער צו דער אַנדערער, נאָר יעדע איינע אַ געזעץ פאַר זיך אַליין.

אָבער דער ערשטער מאַי, 1890, איז געפייערט געוואָרן אין פיל אייראָפּייאישע לענדער, און אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז די קאַרפּענטערס יוניאָן צוזאַמען מיט אַנדערע בוי־אַרבעטער יוניאָנס אַרויסגעטראָטן אין אַ גענעראַל־סטרייק פאַרן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג. טראָץ די אויסנאַם־געזעצן קעגן די סאָציאַליסטן, האָבן די דייטשע אַרבעטער אין פאַרשיידענע אינדוסטריעלע שטעט געפייערט דעם ערשטן מאַי, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט געוואַלטיקע קאַמפן קעגן דער פּאָליציי. אין אַנדערע אייראָפּייאישע הויפּט־שטעט זיינען פאָרגעקומען ענלעכע דעמאָנסטראַציעס, כאָטש די רעגירונגס־באַאַמטע האָבן געוואָרנט קעגן זיי און די פּאָליציי האָט געמאַכט פאַרזוכן זיי אונטערצודריקן. אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען די דעמאָנסטראַציעס אין שיקאַגאָ און אין ניו־יאָרק געווען פון באַזונדער גרויסער באַדייטונג. פיל טויזנטער האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן, שטיצנדיק די פאָדערונג פאַר אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג. און די דאָזיקע דעמאָנסטראַציעס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט גרויסע „אָפּן־עיר" מאַס־מיטינגען אין פאַרשיידענע צענטראַלע פּונקטן.

באַם נעכסטן קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין 1891, אין בריסל, האָט דער אינטערנאַציאָנאַל ווידערהאָלט דעם אָריגינעלן צוועק פון דעם ערשטן מאַי צו פאָדערן דעם אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג, נאָר ער האָט צוגעגעבן אַז דער טאָג מוז אויך דינען אַלס דעמאָנ־סטראַציע צו פאָדערן די פאַרבעסערונג פון די אַרבעטס־באַדינגונגען און צו פאַרזיכערן שלום צווישן די פעלקער. די רעזאָלוציע רעזאָ־לוציע האָט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון דעם „קלאַסן־כאַראַקטער פון דער ערשטער־מאַי־דעמאָנסטראַציע" פאַר דעם אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג און די אַנדערע פאָדערונגען, וואָס וואָלטן געפירט צו „פאַרטיפן דעם קלאַסן־קאַמף". די רעזאָלוציע האָט אויך אויפגעפאָדערט, אַז די אַרבעט זאָל אָפּגעשטעלט ווערן „וואו נאָר מעגלעך". כאָטש די באַציאונג צו סטרייקס אין טאָג פון ערשטן מאַי איז געווען בלויז קאָנדיציאָנעל, האָט דער אינטערנאַציאָנאַל זיך אָ נעם געטאָן אויסצוברייטערן און קאָנקרעטיזירן די צוועקן פון די דעמאָנסטראַציעס. די בריטישע „לאַבאָריטן" האָבן ווידער באַוויזן זייער אָפּאָרטוניזם, אָפּזאָגנדיק זיך אָנצונעמען אַפילו דעם קאָנדיציאָ־נעלן פאָרשלאָג צו סטרייקן דעם ערשטן מאַי, און צוזאַמען מיט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן זיי געשטימט אָפּצולייגן די דעמאָנ־סטראַציע פון ערשטן מאַי אויף אַ זונטיק נאָכן ערשטן מאַי.

ענגעלס וועגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן ערשטן מאַי

אין זיין פאָררעדע צו דער פערטער דייטשער אויפלאַגע פון דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט, וועלכע ער האָט געשריבן דעם ערשטן מאַי, 1890, און אין וועלכער ער האָט איבערגעקוקט די געשיכטע פון די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, ציט ענגעלס די אויפמערקזאַמקייט צו דער וויכטיקייט פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָ־נאַלן ערשטן מאַי:

„בשעת איך שרייב די דאָזיקע שורות, מושטירט דער פּראָ־לעטאַריאַט פון אייראָפּע און אַמעריקע זיינע כחות. ער איז צום ערשטן מאָל מאָביליזירט געוואָרן אַלס איין אַרמיי, אונטער איין פאָן, פאַרן קאַמף פון איין באַלדיקן ציל: אַן אַכט־שטונדיקער אַרבעטס־טאָג, וואָס זאָל איינגעפירט ווערן לויט אַ געזעצלעכן פאַרשריפט. . . . דער ספּעקטאַקל, וועלכן מיר זעען היינט, וועט צווינגען די קאַפּיטאַליסטן און לאַנדבאַזיצער פון אַלע לענדער צו באַגריפן, אַז היינט זיינען די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער אויף דער אמת'ן פאַראייניקט. ווען מאַרקס וואָלט איצט געווען מיט מיר און צוגעזען דאָס אַלץ מיט די אייגענע אויגן!"

די באַדייטונג פון אַ גלייכצייטיקער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלע־טאַרישער דעמאָנסטראַציע האָט אַפּעלירט אַלץ מער און מער צו דער פאַרשטעלונגס־קראַפט און צו די רעוואָלוציאָנערע אינסטינקטן פון די

ארבעטער איבער דער גאַנצער וועלט. און יאָר נאָך יאָר זיינען צו־געקומען אַלץ גרעסערע מאַסן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די דעמאָנסטראַציעס.

דער אָפּרוף פון די ארבעטער האָט זיך ארויסגעוויזן אין פאָלגנ־דיקן צוגאָב צו דער ערשטער מאַי־רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן באַם נעכסטן קאָנגרעס פון דעם אינטערנאַציאָנאַל אין 1893, אין ציריך:

„די ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציע פאַרן אַכט־שטונדיקן ארבעטס־טאָג מוז אין דער זעלבער צייט דינען אַלס אַ דעמאָנ־סטראַציע פון דעם אַנטשיידנדיקן ווילן פון דעם ארבעטער־קלאַס צו פאַרניכטן קלאַס־אונטערשיידונגען דורך סאָציאַלע ענדערונ־גען און אזוי ארום ארויסגיין אַפּן שליאַך, אַפּן איינציקן שליאַך, וואָס פירט צו פרידן פאַר אַלע פעלקער, צום אינטערנאַציאָנאַלן פרידן."

כאָטש דער אָריגינעלער אָנוואורף פון דער דאָזיקער רעזאָלוציע האָט פאַרגעשלאָגן אָפּצושאַפן די קלאַס־אונטערשיידונגען דורך אַ „סאָציאַלער רעוואָלוציע" און נישט דורך „סאָציאַלע ענדערונגען", האָט די רעזאָלוציע דאָך באַשטימט דערהויבן דעם ערשטן מאַי צו אַ העכערער פּאָליטישע מדרגה. אַלס צוגאָב צו דער פאָדערונג פאַר אַן אַכט־שטונדיקן ארבעטס־טאָג, האָט זי געזאָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דעמאָנסטראַציע פון פּראָלעטאַרישן ווילן און מאַכט צו פאַרמעסטן זיך מיט דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג.

רעפאָרמיסטן מאַכן פאַרזוך צו פאַרקריפּלען דעם ערשטן מאַי

די רעפאָרמיסטישע פירער פון די פאַרשיידענע פּארטייען האָבן זיך באַמיט אָפּצושוואַכן די ערשטע מאַי דעמאָנסטראַציעס, פאַר־וואַנדלענדיק זיי אין טעג פון אָפּרו און פאַרוויילונג אַנשטאָט טעג פון קאַמף. דעריבער זיינען זיי שטענדיק באַשטאַנען דערויף, אַז די דעמאָנסטראַציעס זאָלן אָרגאַניזירט ווערן דעם זונטיק, וואָס איז אַמנעענטסטן צום ערשטן מאַי. זונטיק וואָלטן די ארבעטער נישט גע־דאַרפט אָפּשטעלן די ארבעט אום ארויסצוגיין אין אַ סטרייק, ווייל זונטיק ארבעט מען סיי־ווי נישט. באַ די רעפאָרמיסטישע פירער איז דער ערשטער מאַי געווען בלויז אַן אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־יאָנטעוו, אַ טאָג פון „פעדזשענטס" און שפּילערייען אין די פּאַרקן, אָדער אין די דערבייאיקע פאַרשטעט. די רעפאָרמיסטן האָבן זיך נישט געקימערט וואָס די רעזאָלוציע פון ציריכער קאָנגרעס האָט גע־פאָדערט, אַז דער ערשטער מאַי זאָל זיין אַ „דעמאָנסטראַציע פון דעם אַנטשיידנדיקן ווילן פון ארבעטער־קלאַס צו פאַרניכטן די קלאַסן־אונטערשיידונגען", ד. ה. אַ דעמאָנסטראַציע פון ווילן צו קעמפן פאַר דער פאַרניכטונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם פון עקס־פּלואַטאַציע און לוין־שקלאַפעריי, ווייל זיי, די רעפאָרמיסטן, האָבן זיך נישט באַטראַכט אַלס פאַרפליכטעט צו די באַשלוסן פון די אינטער־

נאַציאָנאַלע קאָנגרעסן. די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנ־
גרעסן זיינען פאַר זיי געווען בלויז צוזאַמענקונפטן פון אינטערנאַציאָ־
נאַלער פריינטשאַפט און „גוטן־ווילן", פונקט ווי אַ ריי אַנדערע קאָנ־
גרעסן, וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט פאָרקומען אין פאַרשיידענע
אייראָפּייאישע הויפּט־שטעט פאַר דער מלחמה. זיי האָבן געטאָן אַלץ
אין זייערע כחות צו אַנטמוטיקן און שטערן דער פּאַראַייניקטער
אינטערנאַציאָנאַלער אַקציע פון פּראָלעטאַריאַט, און די רעזאָלוציעס
פון אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן, וואָס האָבן נישט געשטימט מיט
זייערע אייגענע באַגריפן, זיינען פאַרבליבן פּאַפּירענע רעזאָלוציעס.
מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער איז דער „סאָציאַליזם" און „אינטער־
נאַציאָנאַליזם" פון די דאָזיקע רעפאָרמיסטישע פירער אַנטבלויזט גע־
וואָרן אין זייער גאַנצער נאַקעטקייט. אין 1914 איז דער דאָזיקער
אינטערנאַציאָנאַל געלעגן אַ צעשמעטערטער, ווייל פון זיין געבורט אָן
האָט ער געטראָגן אין זיך די זוימען פון זיין אייגענער פאַרניכטונג —
די רעפאָרמיסטישע פאַרפירער פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

באַם קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין
יאָר 1900, אין פּאַריז, איז די רעזאָלוציע פון די פריערדיקע קאָנגרעסן
ווידער אָנגענומען געוואָרן און איז פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט דער
דערקלערונג, אַז די אָפּשטעלונג פון אַרבעט דעם ערשטן מאַי וואָלט
געמאַכט די דעמאָנסטראַציע אַ סך ווירקזאַמער. די ערשטע מאַי־
דעמאָנסטראַציעס זיינען אַלץ מער און מער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין
דעמאָנסטראַציעס פון מאַכט, בעת וועלכע עס פלעגן פאָרקומען גאַסן־
שלאַכטן מיט דער פּאָליציי און מיליטער אין אַלע וויכטיקע אינ־
דוסטריעלע צענטערס. די צאָל אַרבעטער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט
אין די דעמאָנסטראַציעס און אָפּגעשטעלט די אַרבעט, איז געוואַקסן.
דער ערשטער מאַי איז אַלץ מער און מער געוואָרן אַ נעפּאַר פאַרן
הערשנדיקן קלאַס. ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רויטן טאָג,
וועלכן די רעגירונגס־לייט פון אַלע לענדער האָבן באַטראַכט אַלס אָנזאָג
פון אַ שלעכטער בשורה, ווען דער ערשטער מאַי פלעגט זיך דער־
נענטערן.

לענין וועגן ערשטן מאַי

אין זיין גאָר־פריער אַקטיוויטעט אין דער רוסישער רעוואָלוציאָ־
נערער באַוועגונג אָט לענין פיל אויפגעטאָן צו פּאָפּולאַריזירן דעם
ערשטן מאַי צווישן די רוסישע אַרבעטער אַלס דעם טאָג פון דעמאָנ־
סטראַציעס און קאַמף. זיצנדיק אין טורמע, אין 1896, האָט לענין
געשריבן אַן ערשטן מאַי־ליפלעט פאַר דעם פּעטערבורגער פאַראיין
פון קאַמף און באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס, איינעם פון די ערשטע
מאַרקסיסטישע פּאָליטישע גרופּעס אין רוסלאַנד. דער ליפלעט איז
אַרויסגעשמוגלט געוואָרן פון טורמע און ער איז פאַרשפּרייט געוואָרן
אין צוויי טויזנט מימיאָגראַפירטע קאָפּיעס צווישן אַרבעטער אין 40
פאַבריקן. דער ליפלעט איז געווען זייער קורץ און איז געשריבן גע־

וואָרן אין לענינ'ס כאַראַקטעריסטיש פּשוט'ן און דירעקטן סטיל אַזוי, אַז אַפילו דער ווייניק־אַנטוויקלטער צווישן די אַרבעטער האָט אים געקאָנט פאַרשטיין. איינער וואָס האָט געהאָלפן אַרויסלאָזן דעם ליפלעט, האָט שפּעטער געשריבן: „ווען דער באַרימטער טעקסטיל־סטרייק פון 1896 איז אויסגעבראָכן מיט אַ חודש שפּעטער, האָבן אַר־בעטער אונז דערציילט, אַז דער דאָזיקער באַשיידענער ערשטער מאַי־ליפלעט האָט זיי געגעבן דעם ערשטן שטויס צום סטרייק."

נאָכדעם ווי ער דערקלערט די אַרבעטער ווי אַזוי זיי ווערן עקס־פּלואַטירט פאַרן וואוילטאָג פון די פאַבריק־אייגנטימער, באַ וועלכע זיי אַרבעטן און ווי אַזוי די רעגירונג פאַרפאָלגט די יעניקע, וואָס פאָדערן די פאַרבעסערונג פון זייער לאַגע, שרייבט לענין ווייטער וועגן דער באַדייטונג פון ערשטן מאַי:

„אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, דייטשלאַנד און אַנדערע לענ־דער, וואו אַרבעטער האָבן זיך שוין פאַראייניקט אין מעכטיקע יוניאָנס און האָבן זיך שוין דערוואָרבן פיל רעכט, אָרגאַניזירן זיי אַן אַלגעמיינעם יאָנטעוו פון אַרבעט דעם 19טן אַפּריל (לויטן אַלטן רוסישן קאַלענדאַר, וואָס איז אָפּגעשטאַנען פון דעם מערב־אייראָפּייאישן אויף דרייצן טעג, איז דער ערשטער מאַי אויסגע־פאַלן דעם 19טן אַפּריל). פאַרלאָזנדיק די פאַרשטיקטע פאַבריקן, מאַרשירן זיי מיט אויפגעוויקלטע באַנערס, אונטער די טענער פון מוזיק, איבער די הויפּט־גאַסן פון די שטעט, דעמאָנסטרירנ־דיק פאַר די באַלעבאַטים זייער כסדר־וואַקסנדיקע מאַכט. זיי פאַרזאַמלען זיך באַ גרויסע מאַסן־דעמאָנסטראַציעס, וואו עס ווערן געהאַלטן רעדעס וועגן די זיגן איבער די באַלעבאַטים אין לויף פון פאַרגאַנגענעם יאָר און עס ווערן אויסגעלייגט פּלענער פאַרן קאַמף אין דער צוקונפט. אונטער דער דראָאונג פון סטרייק וואַגן נישט די באַלעבאַטים צו באַשטראָפן די אַרבעטער פאַר נישט קומען צו דער אַרבעט אין יענעם טאָג. אין יענעם טאָג דערמאָנען אויך די אַרבעטער זייערע באַלעבאַטים די הויפּט־פאָדערונג: אַכט שעה אַרבעט, אַכט שעה רו און אַכט שעה פאַרווייַלונג. אָט־דאָס פאָדערן איצט די אַרבעטער פון די אויבנ־דערמאָנטע לענדער."

די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט אויסגענוצט דעם ערשטן מאַי אין אַ גרויסער מאָס. אין אַ פאָררעדע צו אַ פּאַמפלעט „ערשטע מאַיען אין כאַרקאָוו", וואָס איז דערשינען אין נאָוועמבער, 1900, האָט לענין געשריבן:

„אין זעקס חדשים אַרום וועלן די רוסישע אַרבעטער פייערן דעם ערשטן מאַי פון דעם ערשטן יאָר פון דעם נייעם יאָר־הונדערט, און עס איז צייט מיר זאָלן זיך אַ נעם־טאָן פאַר די צוגרייטונגען צו אָרגאַניזירן די פייערונגען אין וואָס מער גרע־סערע צענטערס און אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב, וואָס איז נאָר

> מעגלעך, נישט נאָר אין דער צאָל, וואָס עס וועט זיך באַטייליקן אין זיי, נאָר אויך לויט זייער אָרגאַניזירטן כאַראַקטער, אין דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין וואָס זיי וועלן אַנטפּלעקן, אין דער אַנט־שיידנקייט, וואָס וועט אַרויסגעוויזן ווערן אָנצוהויבן דעם אומ־באַזיגבאַרן קאַמף פאַר דער פּאָליטישער באַפרייאונג פון דעם רוסישן פאָלק און, פאָלגלעך, פאַר אַ פרייער געלעגנהייט פאַר דער קלאַסן־אַנטוויקלונג פון פּראָלעטאַריאַט און זיין אָפענעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם.״

פון דעם דאָזיקן אויסצוג ווערט קלאָר ווי וויכטיק לענין האָט געהאַלטן די ערשטע מאַי דעמאָנסטראַציעס, אַז ער האָט געפונען פאַר נויטיק צו ריידן וועגן זיי גאַנצע זעקס חדשים פאַרן ערשטן מאַי. פאַר אים איז דער ערשטער מאַי געווען אַ זאַמלפּונקט פאַרן „אומבאַזיגבאַרן קאַמף פאַר דער פּאָליטישער באַפרייאונג פון דעם רוסישן פאָלק״, פאַר דער „קלאַסן־אַנטוויקלונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט און זיין אָפענעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם״.

ריידנדיק וועגן דעם ווי אַזוי די ערשטע מאַי־פייערונגען „קאָנען פאַרוואַנדלט ווערן אין גרויסע פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס״, האָט לענין געפרעגט: פאַרוואָס איז די ערשטע מאַי־פייערונג אין 1900 אין כאַרקאָוו „אַן אויסערגעוויינלעך־וויכטיקע געשעעניש״? און גע־ענטפערט: „די מאַסן־באַטייליקונג פון די אַרבעטער אין סטרייק, די ריזיקע מאַסמיטינגען אין די גאַסן, די פאַנאַנדערגעוויקלטע רויטע פאָנען, די פאָדערונגען וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן דורך פלוג־בלעטער און דער רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער פון די פאָדערונגען — דער אַכט־שטונדיקער אַרבעטס־טאָג און פּאָליטישע פרייהייט.״

לענין טאַדלט די פירער פון דער כאַרקאָווער פּאַרטיי פאַר צו־זאַמענמישן די פאָדערונגען פון דעם אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג מיט אַנדערע מינדערוויכטיקע און ריין־עקאָנאָמישע פאָדערונגען, ווייל ער וויל בשום אופן נישט פאַרטונקלען דעם פּאָליטישן כאַראַקטער פון ערשטן מאַי. אין דער זעלבער פאָררעדע שרייבט ער:

> „די ערשטע פון די דאָזיקע פאָדערונגען (דער אַכט־שטונ־דיקער אַרבעטס־טאָג) איז די אַלגעמיינע פאָדערונג, וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין פאָדערגרונט פון דעם פּראָלעטאַר־יאַט אין אַלע לענדער. דער פאַקט, וואָס די דאָזיקע פאָדערונג איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין פאָדערגרונט, באַווייזט אַז די פאָרגעשריטענע כאַרקאָווער אַרבעטער באַגרייפן זייער סאָלי־דאַריטעט מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער אַר־בעטער־באַוועגונג. אָט טאַקע צוליב דעם דאָזיקן גרונט האָט אַזאַ פאָדערונג נישט געדאַרפט איינגעשלאָסן ווערן צווישן אַזעלכע מינדערוויכטיקע פאָדערונגען, ווי בעסערע באַהאַנדלונג מצד די „פאָרלייט״, אָדער אַ צען־פּראָצענטיקע העכערונג אין די שכירות. די פאָדערונג פאַר אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג איז די פאָדע־

רונג פון דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט נישט צו איינצעלנע באַלע־באַטים, נאָר צו דער רעגירונג אַלס דער פאַרשטייערין פון דער גאַנצער איצטיקער סאָציאַלער און פּאָליטישער סיסטעם, צום קאַפּיטאַליסטישן קלאַס אַלס גאַנצן, צו די אייגנטימער פון אַלע פּראָדוציר־מיטלען.״

די פּאָליטישע לאָזונגען פאַרן ערשטן מאַי

דער ערשטער מאַי איז געוואָרן אַ ברען־פּונקט פאַר דעם אינטער־נאַציאָנאַלן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. צו דער אָריגינעלער פאָ־דערונג פאַר אַן אַכט־שטונדיקן ארבעטס־טאָג זיינען צוגעקומען אַנדערע באַדייטנדיקע לאָזונגען, אויף וועלכע די אַרבעטער האָבן זיך גענויטיקט קאָנצענטרירן בײַ די ערשטע מאַי סטרייקס און דעמאָנסטראַציעס. די לאָזונגען זיינען: „אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון אַרבעטער־קלאַס״, „אַלגעמיינע וואַל־רעכט״, „קריג קעגן קריג״, „קעגן קאָלאָניאַ־לער אונטערדריקונג״, „דאָס רעכט צו מאַרשירן איבער די גאַסן״, „די באַפרייאונג פון פּאָליטישע אַרעסטירטע״, „דאָס רעכט פאַר פּאָליטי־שער און עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער־קלאַס״.

דאָס לעצטע מאָל, וואָס דער אַלטער אינטערנאַציאָנאַל האָט גע־רעדט וועגן דער פראַגע פון ערשטן מאַי, איז געווען בײַם אַמסטער־דאַמער קאָנגרעס אין 1904. דורכקוקנדיק די פאַרשיידענע פּאָליטישע לאָזונגען, וועלכע זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן בײַ די דעמאָנ־סטראַציעס, און ציענדיק די אויפמערקזאַמקייט צו דעם פאַקט, אַז אין אייניקע לענדער קומען די דאָזיקע דעמאָנסטראַציעס נאָך אַלץ פאָר אין די זונטיקס אַנשטאָט דעם ערשטן מאַי גופא, פאַרענדיקט די רעזאָלוציע:

„דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם רופט אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי־אָר־גאַניזאַציעס און טרייד־יוניאָנס אין אַלע לענדער ענערגיש צו דעמאָנסטרירן דעם ערשטן מאַי פאַר דער געזעצלעכער איינ־פירונג פון דעם אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג, פאַר די קלאַסן־פאָדערונגען פון דעם פּראָלעטאַריאַט און פאַר אַן אַלוועלטלעכן פרידן. דער ווירקזאַמסטער אופן פון דעמאָנסטרירן דעם ערשטן מאַי איז אָפּשטעלן די אַרבעט. דער קאָנגרעס פאַרפליכטעט דעריבער אַלע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס אין אַלע לענדער אָפּצושטעלן די אַרבעט דעם ערשטן מאַי, וואו נאָר עס איז מעגלעך אָן שאָדן פאַר די אַרבעטער.״

ווען די בלוטיקע שחיטה אויף די סטרייקער אויף די סיבירישע לענאַ גאָלד־פעלדער, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַפּריל, 1912, האָט ווידער אוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן אַ רעוואָלוציאָנערער פּראָלע־טאַרישער מאַסן־אַקציע אויף דער טאָג־אָרדענונג אין רוסלאַנד, איז דאָס

געווען דער ערשטער מאַי פון יענעם יאָר, ווען הונדערטער טויזנטער אַרבעטער האָבן אָפּגעשטעלט די אַרבעט און זיינען אַרויס אויף די גאַסן אין פּראָטעסט קעגן דער שוואַרצער רעאַקציע, וועלכע האָט געבושעוועט איבערן לאַנד זינט דעם דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין 1905. וועגן יענעם ערשטן מאַי האָט לענין געשריבן:

„דער גרויסער מאַי־סטרייק פון אַלע אַרבעטער איבער גאַנץ רוסלאַנד און די גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, וואָס זיינען פאַרבונדן דערמיט, די רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציעס, די רעוואָלוציאָנערע רעדעס צו די אַרבעטער־מאַסן באַווייזן קלאָר, אַז רוסלאַנד איז ווידעראַמאָל אַריינגעטראָטן אין דעם פּעריאָד פון אַ שטייגנדיקער רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע.”

ראָזאַ לוקסעמבורג וועגן ערשטן מאַי

אין אַן אַרטיקל, וואָס זי האָט געשריבן פאַרן ערשטן מאַי, 1913, האָט ראָזאַ לוקסעמבורג, אַליין אַן אייפּערדיקע רעוואָלוציאָנערקע, באַטאָנט דעם רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פון ערשטן מאַי:

„די גלענצנדיקע הויפּט־אידייע פון דער ערשטער מאַי־פייערונג איז די זעלבסטשטענדיקע אַקציע פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן, איז די פּאָליטישע מאַסן־אַקציע פון די מיליאָנען אַרבעטער. . . . די אויסגעצייכנטע כונה פון דעם פראַנצויזלאַווין באַם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין פּאַריז, פאַראייניקט מיט דער דירעקטער אינטערנאַציאָנאַלער מאַסן־מאַניפעסטאַציע און דאָס אוועקוואַרפן דאָס געצייג, איז אַ דעמאָנסטראַציע און קאַמף־טאַקטיק פאַרן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג, וועלט־פרידן און סאָציאַליזם”.

זייענדיק גוט באַהאַוונט אין דער אימפּעריאַליסטישער קאָנקורענץ־פּאָליטיק, האָט ראָזאַ לוקסעמבורג געזען דעם אָנקום פון דער מלחמה און זיך געאײַלט קלאָר צו מאַכן, אַז דער ערשטער מאַי איז באַזונדערס וויכטיק אַלס דער טאָג צו פאַרשפּרייטן די אידייען פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט צווישן די אַרבעטער, דער טאָג פאַר אינטערנאַציאָנאַלער אַקציע קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. שרייבנדיק אַ יאָר צייט איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, ציט זי די אויפמערקזאַמקייט צו דעם פאַקט, אַז „וואָס מער עס וואָרצלט זיך איין די אידייע פון ערשטן מאַי, די אידייע פון אַנטשלאָסענער מאַסן־אַקציע אַלס דעמאָנסטראַציעס פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט און אַלס קאַמפס־טאַקטיק פאַר פרידן און פאַר סאָציאַליזם, אַפילו אין דער שטאַרקסטער סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַל, באַם דייטשן אַרבעטער־קלאַס, אַלץ אַ גרעסערע גאַראַנטיע וועלן מיר האָבן אַז דער רעזולטאַט פון דער פעלקער־מלחמה, וואָס וועט פריער אָדער שפּעטער אומפאַרמיידלעך אויסברעכן, וועט זיין אַן ענדגילטיקע, זיגרייכע שליכטונג פון קאַמף צווישן דער וועלט פון אַרבעט און קאַפּיטאַל.”

דער פאַרראַט פון די סאָציאַל־פּאַטריאָטן אין צייט פון קריג האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן דעם ערשטן מאַי, 1915. דאָס איז געווען אַ לאָגישער שלוס פון דעם קלאַסן־פרידן, וואָס זיי האָבן געשלאָסן מיט די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען אין אויגוסט, 1914. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט גערופן די אַרבעטער צו בלייבן באַ דער אַרבעט. די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן האָבן אין אַ ספּעציעלן מאַניפעסט פאַרזיכערט דער רעגירונג, אַז זי זאָל זיך נישט שרעקן פאַרן ערשטן מאַי, און די אַרבעטער זיינען געווען געצוואונגען צו אַרבעטן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון „זייער" פאָטערלאַנד. די זעלבע באַציאונג האָט געהערשט צווישן די סאָציאַליסטן פון אַלע איבעריקע קריג־פירנדיקע לענדער. בלויז די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד און די רעוואָלוציאָנערע מינדערהייטן אין אַנדערע לענדער זיינען פאַרבליבן געטריי דעם סאָציאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם. די שטימען פון לענין, לוקסעמבורג און ליבקנעכט האָבן זיך דערהויבן איבער דער וואַקכאַנאַליע פון סאָציאַל־שאָוויניזם. טיילווייזע סטרייקס און אָפענע צוזאַמענשטויסן אַף די גאַסן דעם ערשטן מאַי פון 1916 האָבן באַוויזן, אַז די אַרבעטער פון אַלע קריג־פירנדיקע לענדער הויבן זיך אָן צו באַפרייען פון דעם גיפטיקן איינפלוס פון זייערע פאַררעטערישע פירער. פאַר לענינ'ען, ווי פאַר אַלע רעוואָלוציאָנערן, איז „דער צוזאַמענברוך פון אָפּאָרטוניזם (דער צוזאַמענברוך פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.—א.ט.) אַ געווינס פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג", און לענינ'ס רוף פאַר אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זאָל זיין פריי פון די פאַררעטער, איז געווען די פאָדערונג פון דער צייט.

דער רעזולטאַט פון די קאָנפערענצן אין צימערוואַלד (1915) און אין קיענטאַל (1916) איז געווען די קריסטאַליזאַציע פון די רעוואָלוציאָנערע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרטייען און מינדערהייטן אונטער לענינ'ס קאַמפּס־רוף צו פאַרוואַנדלען דעם אימפּעריאַליסטישן קריג אין אַ בירגער־קריג. די ריזיקע דעמאָנסטראַציעס אין בערלין דעם ערשטן מאַי 1916, אָרגאַניזירט פון קאַרל ליבקנעכט און זיינע נאָכפאָלגער אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָבן אָנגעדייטעט אַף די לעבעדיקע כחות פון דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָבן זיך דורכגעבראָכן טראָץ דעם פאַרבאָט פון דער פּאָליציי און דער אָפּאָזיציע פון דער אָפיציעלער פירערשאַפט.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז דער ערשטער מאַי נישט אויפגעגעבן געוואָרן, ווען די מלחמה איז דערקלערט געוואָרן אין 1917. די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָבן ערנסט אָנגענומען די אַנטי־קריג רעזאָלוציע פון דער פּאַרטיי, וועלכע איז דורכגעגאַנגען באַ דער דרינגענדיקער קאָנווענשאָן אין אַפּריל, אין סט. לואיס, און זיי האָבן אויסגענוצט דעם ערשטן מאַי צו פּראָטעסטירן קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. די דעמאָנ־

סטראַציע, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פּאַבליק סקווער פון קליוולאַנד און וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון טשאַרלס רוטענ־בערג, דער דעמאָלטיקער לאָקאַל־סעקרעטאַר פון דער עס־פּי און שפּע־טער איינער פון די גרינדער און פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז געווען באַזונדערס מיליטאַנט. העכער 20 טויזנט אַרבע־טער האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן צום פּאַבליק סקווער, וואו זייער צאָל איז פאַרגרעסערט געוואָרן מיט צענדליקער טויזנטער אַנדערע. די פּאָליציי האָט ברוטאַל אַטאַקירט די דעמאָנסטראַנטן, טויטנדיק איין אַרבעטער און טויטלעך פאַרוואונדענדיק אַ צווייטן.

דער ערשטער מאַי פון 1917, די יולי־טעג און צולעצט די אָק־טאָבער־טעג אין רוסלאַנד זיינען געווען בלויז עטאַפּן אין דער אַנט־וויקלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע אַפן וועג צו איר דערגרייכונג. דער ערשטער מאַי, צוזאַמען מיט אַנדערע טעג, וואָס זיינען פול מיט רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, ווי דער 22טער יאַנואַר (דער בלוטיקער זונטיק פון 1905), דער 18טער מערץ (פּאַריזער קאָמונע, 1871), דער 7טער נאָוועמבער (באָלשעוויקעס פאַרכאַפּן די מאַכט, 1917), זיינען היינט ימים־טובים אין דער ערשטער אַרבעטער־רעפּובליק, אין דער זעלבער צייט ווען דער אַכט־שטונדיקער אַרבעטס־טאָג, וואָס איז גע־ווען די אָריגינעלע פאָדערונג פון דעם ערשטן מאַי, איז איצט אָפּ־געשאַפט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט דער איינפירונג פון אַ זיבן־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג.

דער קאָמינטערן נעמט איבער די טראַדיציעס פון ערשטן מאַי

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, דער יורש פון די בעסטע טראַדיציעס פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג זינט מאַרקס און ענגעלס האָבן פאַרעפנטלעכט דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט אין 1848, זעצט פאָר די טראַדיציעס פון ערשטן מאַי, און די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין די פאַרשיידענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער רופן די אַרבעטער דעם ערשטן מאַי פון יעדן יאָר אָפּצושטעלן די אַרבעט, אַרויסגיין אין די גאַסן צו דעמאָנסטרירן דעם וואַקסנדיקן כח פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, צו פאָדערן אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג — איצט דעם 7־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג — אָן לוין־רעדוצירונג, צו פאָדערן סאָציאַלע פאַרזיכערונג, צו קעמפן קעגן דער מלחמה־געפאַר און צו פאַרטיידיקן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, צו קעמפן קעגן אימפּעריאַליזם און קאָלאָניאַלער אונטערדריקונג, צו קעמפן קעגן ראַסן־דיסקרימינאַציע און לינטשערייען, צו פאַרדאַמען די סאָציאַל־פאַשיסטן אַלס טייל פון דער קאַפּיטאַליסטישער מאַשין, צו בויען זייערע רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס און צו דערקלערן זייער אַנטשיידונג און אייזערנעם ווילן אַרונטערצוּוואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם און איינפירן אַ סאָוועטן־רעפּובליק איבער דער גאַנצער וועלט.

אַ פּאָליטישער מאַסן־סטרייק דעם ערשטן מאַי

די קאַמפּן אין טאָג פון ערשטן מאַי ווערן יעדן יאָר דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה. געבוירן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין די

געבורטס־ווייען פון א גענעראַל־סטרייק באַוועגונג און אין א קאַמף פאַר א וויכטיקער פּאָליטישער פאָדערונג, דאַרף דער ערשטער מאַי זיין דער אויסדרוק פון א פּאָליטישן סטרייק לטובת די וויכטיקע קלאַסן־אישוס פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער. יונגע און אַלטע אַרבע־טער, מענער און פרויען, נעגערס און ווייסע דאַרפן אַריינגעצויגן ווערן צו באַטייליקן זיך אין דער אַקציע פון ערשטן מאַי. עס דאַרפן פאָרקומען ס ט ר י י ק ס אין טאָג פון ערשטן מאַי, ווייל די אָפּ־שטעלונג פון אַרבעט איז אין דער טראַדיציע פון ערשטן מאַי. די סטרייקס דאַרפן זיין מ א ס ן ־סטרייקס, וואָס זאָלן אַריינציען א גרויסע צאָל אַרבעטער, וועלכע זאָלן פאַרלאָזן זייערע אַרבעטס־פּלעצער אַף א ק אָ ל ע ק ט י װ ן א ו פ ן, נישט ווי יחידים. אַלע אינ־דוסטריעלע קערפּערשאַפטן דאַרפן אָפּגעשטעלט ווערן, ווייל בלויז אַזעלכע סטרייקס זיינען ווירקזאַמע דעמאָנסטראַציעס פון דעם אַר־בעטער׳ס אַנטשיידנדיקן ווילן צום קאַמף. די דאָזיקע מאַסן־סטרייקס דאַרפן זיין פּ אָ ל י ט י ש ע, ד. ה. באַזירט אַף וויכטיקע פּאָליטישע אישוס, וואָס באַרירן דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס.

כאָטש די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער טי. יו. יו. על., האָבן אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג פאַר א זיבן־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג אָן לוין־רעדו־צירונגען, מוזן די אַמעריקאַנער אַרבעטער, 46 יאָר נאָכדעם ווי די באַ־וועגונג פאַרן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג איז אַנטשטאַנען, נאָך אַלץ קעמפן פאַר דער דאָזיקער פאָדערונג. אין א גאַנצער ריי אינדוסטריעס שקלאַפן נאָך אַרבעטער ביז היינט־צו־טאָג ניין, צען און מער שטונדן א טאָג. דער דורכפאַל איינצופירן דעם אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג פאַר אַלע אַרבעטער אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט קאָן צו־געשריבן ווערן צו דער אַריסטאָקראַטיע פון אַרבעט, וועלכע האָט, זייענ־דיק אונטערגעקויפט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס מיט פאַרהעלט־ניסמעסיק־הויכע שכירות און מיט בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, איבערגעלאָזט די נישט־קוואַליפיצירטע און נישט־אָרגאַניזירטע אַר־בעטער אָן דער פּראָטעקציע פון אַן אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג, אַזוי אַז זיי זאָלן קאָנען לייכטער עקספּלואַטירט ווערן לטובת די אייגנ־טימער און די באָסעס.

די א. פ. אָוו ל. ווערט פאַשיסטיש

העכער פערציק יאָר צוריק האָבן די פירער פון דער ערשטער־מאַי־דעמאָנסטראַציע גערעדט אַף יוניאָן סקווער, ניו־יאָרק, נישט נאָר וועגן דעם אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג, נאָר וועגן דער אָפּשאַפונג פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. „קעמפנדיק פאַרן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג, וועלן מיר נישט אַרויסלאָזן פון אויג דעם הויפּט־צוועק — די אָפּשאַפונג פון דער לוין־סיסטעם”, ווערט געזאָגט אין דער רעזאָלוציע, וואָס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן דעם ערשטן מאַי, 1890, צו די סטרייקנדיקע מאַסן, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַף

יוניאָן סקווער נאָכדעם ווי זיי האָבן מאַרשירט אין ריזיקע רייען אונטער פאַנאַנדערגעוויקלטע רויטע באַנערס איבער די אַרבעטער־גאַסן פון ניו־יאָרק. איצט האָט זיך די א. פ. אָוו ל. און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פאַראייניקט מיט די באָסעס און זיי טוען אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך אָפּצוהאַלטן די אַרבעטער פון קאַמף פאַר בעסערע באַדינגונגען. און אַנשטאָט צו קעמפן פאַר דער אָפּשאַפונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, קעמפן זיי פאַר פאַרזעראָווירן דעם קאַפּיטאַליזם.

העכער 40 יאָר צוריק האָט די א. פ. אָוו ל. אַפּעלירט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין פּאַריז צו העלפן דער אַמעריקאַנער פעדערײשאָן אָוו לייבאָר אין איר סטרייק־באַוועגונג פאַרן ערשטן מאַי, 1890, און דער אינטערנאַציאָנאַל איז געקומען צו הילף די אַמעריקאַנער אַרבעטער דערמיט, וואָס ער האָט דעמאָנסטראַטיוון קאַמף פאַרוואַנדלט אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאַמף. איצט לייגט פּרעזידענט גרין און זיין אונטערשטוצער מעטיו וואָל פאַר די שטיצע פון דער א. פ. אָוו ל. צו יעדער רעאַקציאָנערער אָרגאַניזאַציע אָדער באַוועגונג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיטן אָבזיכט צו באַקעמפן די קאָמוניס־טישע פּאַרטיי, וועלכע זעצט פאָר די אַמעריקאַנער קאַמפּס־טראַדיציעס פון ערשטן מאַי. די פירער פון א. פ. אָוו ל. האָבן זיך אַנטוויקלט פון קלאַס־קאָלאַבאָרײשאָניסטן צו אָפענע פאַשיסטן, וועלכע דינען די קאַפּיטאַליסטן אַלס הענקערס פון דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס.

אין זייער פאַרזוך צו באַזיגן דעם ערשטן מאַי און אָפּצוציען די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס געפינען זיך נאָך אונטער זייער איינ־פלוס, פון באַטייליקן זיך אין די מאַי־דעמאָנסטראַציעס, האָט די א. פ. אָוו ל. צוזאַמען מיט די איבעריקע רעאַקציאָנערע אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציעס גוטגעהייסן דעם אַזוי־גערופענעם לייבאָר־דעי דעם ערשטן מאָנטיק אין סעפּטעמבער פון יעדן יאָר. לייבאָר־דעי איז צום ערשטן מאָל אָנגענומען געוואָרן אַף אַ לאָקאַלן אופן אין 1885 און שפּעטער איז ער געזעצלעך איינגעפירט געוואָרן מצד פאַרשיידענע שטאַט־רעגירונגען אַלס קעגנגיפט צו דער פייערונג פון ערשטן מאַי.

אַ צווייטע קאַמפּאַניע קעגן דעם ערשטן מאַי איז אויפגעהויבן געוואָרן מצד דער פעדעראַלער רעגירונג מיט דער הילף פון די פירער פון דער א. פ. אָוו ל., ווען דער ערשטער מאַי איז בײַ זיי אָנגענומען געוואָרן אַלס דער טאָג פון קינדער־געזונט. די היפּאָקריטסטוואָ פון ביידן, סיי פון דער רעגירונג און סיי פון דער א. פ. אָוו ל., ווערט באַשטעטיקט דערמיט, וואָס אַ מיליאָן אָדער מער קינדער אונטער 16 יאָר שוויצן אין אַמעריקאַנער פאַבריקן, שעפּער און פעלדער פאַר דער גלאָריע פון דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל.

דעם אמת'ן באַטייט פון אָט־דעם פּלוצלעכן אינטערעס אין דעם וואוילזיין פון קינד קאָן מען זען פון דעם פאָלגנדיקן אויסצוג וועגן דעמדאָזיקן ענין פון אַ באַריכט, וואָס דער עקזעקוטיוו קאָונסיל האָט אָפּגעגעבן בײַ דער א. פ. אָוו ל. קאָנווענשאָן אין 1928 :

„. . . די קאָמוניסטן האַלטן נאָך אַלץ אָן דעם ערשטן מאַי

אלס דער ארבעטער־טאג. פון איצט אן וועט דער ערשטער מאי זיין דער טאג פארן קינד׳ס געזונט, ווי דער פרעזידענט, לויט א רעזאלוציע וואס איז אנגענומען געווארן אין קאנגרעס, קלייבט זיך צו פראקלאמירן צו דער באפעלקערונג פון די פאראייניקטע שטאטן אפצוהיטן דעם ערשטן מאי אלס דעם קינד׳ס געזונט־טאג. דער צוועק איז צו שאפן א סענטימענט צו באשיצן דאס געזונט פון די קינדער פארן גאנצן קיילעכדיקן יאר. עס איז זייער א פארדינסטפולער צוועק. **אין דער זעלבער צייט וועט דער ערשטער מאי מער נישט זיין באקאנט אלס טאג פון סטרייק אדער קאמוניסטישער לייבאר־דעי.**״ (אונטערגעשטראכן פון מיר.—א. ט.)

קאן עס זיין, אז די פירער פון דער א. פ. או לייבאר זאלן נישט האבן געהערט די מעשה וועגן קעניג קאנוט און זיין פארזוך צוריק־צוקערן די שטורמישע ים־כוואליעס? צי איז עס דערפאר, וואס אין זייער שטרעבונג צו צעברעכן דעם קעמפערישן גייסט פון די ארבעטער זיינען זיי גרייט צו פרובירן אלץ וואס עס לאזט זיך?

דער סאציאל־פאשיזם פון דער ס. פ.

דער פארראט צו די ארבעטער, וואס האט זיך אנגעהויבן אין צייט פון קריג, איז פארגעזעצט געווארן פון די סאציאליסטישע פאר־טייען אויך נאך דער מלחמה. זיי האבן זיך פאראייניקט מיט בור־זשואזע רעגירונגען צו באשיצן זיי פון דעם צארן פון די ארבעטער; זיי האבן ארגאניזירט קאנטער־רעוואלוציעס צו שטערן דעם ארבעטער׳ס קאמף פאר מאכט; זיי זיינען געווארן די בוטשערס פון דעם מילי־טאנטישן טייל פון ארבעטער־קלאס, וועלכער האט געקעמפט צו שטירצן די הערשאפט פון קאפיטאל, פונקט ווי די רוסישע ארבעטער האבן עס געטאן אונטער דער פירערשאפט פון די באלשעוויקעס, דער פארטיי פון לענין. דער סאציאל־פאטריאטיזם פון די רעכטע און דער סאציאל־פאציפיזם פון דעם צענטער אין צייט פון קריג זיינען איצט צוזאמענ־געשמאלצן געווארן אין סאציאל־פאשיזם. די סאציאל־פאשיסטן זיינען געווארן א טייל פון דער קאפיטאליסטישער רעגירונגס־מאשין, שיצנדיק זי פון די רעוואלוציאנערע אויסברוכן מצד די ארבעטער און פויערים אין די אימפעריאליסטישע און קאלאניאלע לענדער. זיי העצן א מלחמה קעגן דעם סאוועטן־פארבאנד און מאכן פארשווערונגען אפצושטעלן דארט דעם אויפבוי פון סאציאליזם. זיי אונטערשטיצן די מלחמה קעגן דעם אויפבוי פון סאציאליזם. זיי אונטערשטיצן די מלחמה קעגן כינעזישן פאלק מצד דעם יאפאנישן אימפעריאליזם און די פארכאפונג פון מאנדזשוריע אלס א מזרח־באזע צו אטאקירן דעם סאוועטן־פארבאנד.

זיי האָבן שוין לאַנג צוריק אויפגעגעבן די פאָדערונג פון אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג. זיי האָפן, אַז די פעלקער־ליג וועט זיי פאַרזיכערן אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג דורך אָפּמאַכן צווישן די קאַפּי־טאַליסטישע רעגירונגען. דער מאַרסעילער קאָנגרעס פון צווייטן אינ־טערנאַציאָנאַל האָט דערקלערט, אַז דער אַכט־שטונדיקער אַרבעטס־טאָג „זאָל אָנערקענט ווערן בלויז אין פּרינציפּ". זיי באַטייליקן זיך נאָך אַלץ אין ערשטע מאַי־פייערונגען, אָבער בלויז אָף דער צווייטער זייט פון די באַריקאַדן, ווי עס איז אילוסטרירט געוואָרן דורך די געמיינע האַנדלונגען מצד דעם סאָציאַליסטישן פּאָליציי־הויפּט פון בערלין, צערגיבל, קעגן דער אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע פון דעם ערשטן מאַי, 1929. אין די פּרעזידענט־וואַלן פון 1932 האָט די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע אונטערשטיצט די פאַשיסטישע רעגירונג פון ברינינג, שטי־מענדיק פאַר דער ווידער־דערוויילונג פון הינדענבורג'ן.

דער „סאָציאַליסטישער" פּרעמיער־מיניסטער מעקדאָנאַלד שיקט סאָלדאַטן צו אונטערדריקן די אינדישע מאַסן, וועלכע רעוואָלטירן קעגן דעם בריטישן אימפּעריאַליזם און זיינע אַגענטן אין אינדיע. וואו נאָר דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך דערפילט שוואַך אָפּצושטעלן די פאַר־פלייצנדיקע כוואַליעס פון רעוואָלוציאָנערע און נאַציאָנאַלע פרייהייט־באַוועגונגען פון די אַרבעטער און פויערים, האָט ער גערופן צו דינסט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין די אַגענטן פון קאַפּיטאַליזם אין די רייען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, צו העלפן באַזיגן די דאָזיקע באַוועגונגען.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן שפּילט די סאָציאַליסטישע פּאַר־טיי די זעלבע ראָלע. כאָטש זי איז נישט אין מאַכט, האָט זי שוין אָבער גרויסע פאַרדינסטן אָפן געביט פון פאַרראַטן די בעסטע אינטערעסן און שטרעבונגען פון די אַרבעטער. זי פאַראייניקט אַלע רעאַקציאָנערע כחות, וואָס פאַרלוימדן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און באַמיען זיך צו העצן פאַר אַ מלחמה קעגן דער רעפּובליק פון די אַרבעטער. זי אַרבעט האַנט אין האַנט מיט דער א. פ. אָוו ל. און מיט מאַסטי'ס „פּראָגרעסיווע" לייבאָר יוניאָנס אין נאָכשפּירן די קעמ־פערישע אַרבעטער, דורך שטיצן די באָסעס קעגן די אַרבעטער, דורך אָפּלאָדירן דער רעגירונג ווען זי פאַרפאָלגט די רעוואָלוציאָנערע באַ־וועגונג דאָ אין לאַנד. די אַלטע פירער פון דער ס. פּ. (די הילקוויטס און די אָנילס) האָבן שוין לאַנג אויפגעגעבן דעם סאָציאַליזם, אין וועלכן זיי האָבן נאָך אַמאָל געגלויבט, און די נייע פירער (די טאָמאַסעס און די ברונס) זיינען בורזשואזע ליבעראַלן, וועלכע נוצן אויס די אַרבעטער־באַוועגונג פאַר די פּראָגראַמען און פּאָליטיק פון די טעאָדאָר רוזוועלטס פון די „בול־מוז"־צייטן און פון די ראָבערט לאַפּאָלעטס, וועמעס צוועק עס איז שטענדיק געווען אָפּצונאַרן די מאַסן מיט ראַדי־קאַלע פראַזן.

נאָרמאַן טאָמאַס, דער ליבלינג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, לאָזט וויסן דער וועלט אין זיינעם אַ בוך, וואָס איז נישט לאַנג צוריק

דערשינען, אַז ער האָט אַרונטערגעבראַכט אַ נייעם סאָרט סאָציאַליזם, אַ סאָציאַליזם אָן מאַרקסיזם. מ'האָט עס שוין פריער פאַר אים פּרובירט צו טאָן. אַ מער־פּייאיקער מענטש, ווי טאָמאַס, עדוואַרד בערנ־שטיין, האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך אַרויסצוּוויזן דעם מאַרקסיסטישן תּמצית פון דעם סאָציאַליזם מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק. ער האָט אָבער דאָך פאַרשטאַנען נישט צו גיין אַזוי ווייט ווי טאָמאַס גייט מיט זיין פאַרזוך. דער דייטשער פּיאָנער אויף דעם געביט האָט בלויז געוואָלט „קאָרעגירן" מאַרקס'ן, „צו מאַכן אים פאַר היינטצייטיק". דער אַמע־ריקאַנער, טאָמאַס, שטעלט זיך נישט אויף האַלב־וועגס. נישט נאָר „רעווידירט" ער מאַרקס'ן, נאָר ער שאַפט אים אינגאַנצן אָפּ, נישט שעדיקנדיק דערביי דעם סאָציאַליזם, ווי די פירער פון דער ס. פּ. דערקלערן.

נאָרמאַן טאָמאַס צוזאַמען מיט דער קלאַסן־מיטאַרבעטנדיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועמען ער רעפּרעזענטירט היינט־צו־טאָג בעסער ווי ווער ניט איז, שטייען אַנטבלויזט פאַר די אַרבעטער פון לאַנד אַלס די פּאַררעטער און אָפענע שונאים פון דעם איינציקן סאָציאַליזם, וואָס מיינט די מלוכה פון די אַרבעטער, דעם סאָציאַליזם פון מאַרקס און לענין, דעם סאָציאַליזם, פאַר וועלכן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי קעמפט, דעם סאָציאַליזם, וואָס ווערט איצט געבויט פון די זיגרייכע אַרבעטער און פּויערים אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג

די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג איז רייך אין רעוואָלוציאָ־נערע טראַדיציעס, פון וועלכע די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די טרייד־יוניאָן יוניטי ליג קאָנען שעפּן געגנוג באַגייסטערונג אין זייער אַרבעט צו אָרגאַניזירן דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס פאַר רעוואָלוציאָ־נערער אַקציע. די גרויסע אַרבעטער־קאַמפן, וואָס צייכענען די גע־שיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, זיינען עדות פון דער קעמפעריש־קייט פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער. נישט נאָר זיינען די אַרבעטער גרייט געווען אָנצוהייבן דעם קאַמף אָדער אָננעמען די אַרויסרופן מצד די באַסעס, נאָר זיינען זיי שוין אַרויס אין סטרייק, זיינען זיי לאַנג און פעסט געשטאַנען אויף דער פּיקעט־ליין און ביטער געקעמפט קעגן די פאַראייניקטע כּחות פון די באַסעס און זייערע אונטערלעקער.

אָן אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס פאַרמאָגט אין איר פאַרגאַנגענהייט די גענעראַל־סטרייק באַוועגונגען פון 1877—1886, האָמסטעד (1892), דעם אַ. ר. יו.־סטרייק (1894), לאָורענס (1912), דעם שטאָל־סטרייק (1919), סעאַטל (1919), די גרויסע צאָל סטרייקס אין די קוילן, באַן, קליידער און אַנדערע אינדוסטריעס, די גרויסע קאַמפן אין קאָלאָראַדאָ, פּענסילווייניע, וועסט ווירדזשיניע, די מעסאַבאַ רעדזשן און גאָר לעצטנס די סטרייקס אין גאַסטאָניאַ און האַרלאַן, — קאָן אויך קוקן פאָראויס פאַר נאָך גרעסערע קאַמפן אין דער צוקונפט. באַ די הערשנ־

דיקע אָביעקטיווע באַדינגונגען פון כסדר'דיקער פּאַרטיפונג פון עקאָנאָמישן קריזיס, פונם וואוקס פון שטענדיקער אַרבעטלאָזיקייט, פון פאַרשטאַרקטער עקספּלואַטאַציע דורך „ספּיד־אַפּ" מעטאָדן, פון דער פאַרשנעלערונג פון דער אימפּעריאַליסטישער קאָנקורענץ, וואָס פירט צו אַ צווייטן וועלט־קריג, אַזאַ אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, באַפרייט פון אירע פאַרפירער, וועט נאָך ווייזן וואָס זי קאָן טאָן. די שחיטה, וואָס פאָרד'ס פּאָליציי האָט געמאַכט אויף פיר דעטראָיטער אויטאָמאָביל־אַרבעטער בשעת אַן אַרבעטלאָזער דעמאָנסטראַציע אין פראָנט פון זיין פאַבריק, די דערמאָרדונג פון אַרבעטלאָזע נעגערס אין שיקאַגע און קליוולאַנד קאָנען דינען אַלס עדות פון דעם פאַרשאַרפטן קלאַסנקאַמף און פון דער קעמפּעריִשקייט פון די אַרבעטער.

דער ערשטער מאַי און דער אַכטער מערץ זיינען די ביישטייערונגען פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער

די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג האָט בירושה איבערגעגעבן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס צוויי קאַמפּס־טעג, וועלכע די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער באַטראַכטן אַלס מייל־שטיינער און וועלכע זיי מוזן יעדן יאָר פאַרביימאַרשירן אויף זייער וועג צום ענדגילטיקן זיג. די יעניקע, וואָס זיינען געוועזן די הייבאַמען באַם געבורט פון די דאָזיקע „טעג", האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון זיי אַזוי שנעל ווי די „טעג" האָבן דערוואָרבן אַ רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט. די א. פ. אָוו ל. האָט געהאָלפן איינצופירן דעם ערשטן מאַי. זי האָט שוין לאַנג תשובה געטאָן פאַר אָט־די זינד קעגן דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט עס איר שוין לאַנג פאַרגעבן.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אַ נאָענטע, כאָטש אַן אָרימע, קרובה פון דער א. פ. אָוו ל., דאַרף גענומען ווערן אין אַכט אַלס איינע, וואָס האָט בייגעטראָגן צו דער אַנטשטייאונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־טאָג, וואָס ווערט יעדן יאָר געפּייערט דעם 8טן מערץ. אַרום צוואַנציק יאָר צוריק האָבן די סאָציאַליסטישע פרויען פון ניו־יאָרק אָרגאַניזירט, אין קעגנזאַץ צו דער בורזשואַזער וואַל־רעכט באַוועגונג, אַ מאַסן־באַטייליקונג פון פּראָלעטאַרישע פרויען אין דער באַוועגונג פאַר פרויען־שטימרעכט. די דאָזיקע אַקציע איז פאָרגעקומען דעם 8טן מערץ. דער דערפאָלג פון דער ניו־יאָרקער דעמאָנסטראַציע האָט געפירט צו דער גרינדונג פון דעם 8טן מערץ אַלס דער פרויען־טאָג אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין 1910 האָט פּראָקלאַמירט דעם 8טן מערץ אַלס אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־טאָג.

אַזוי שנעל ווי די פרויען האָבן באַקומען פולע שטימרעכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט די ס. פּ. אויפגעגעבן דעם 8טן מערץ, ווייל דאָס שטים־צעטל און די וואַלן זיינען שטענדיק געוועזן דער אָנהייב און דער סוף פון דער דאָזיקער פּאַרטיי. די רוסישע אַרבעטער־פרויען האָבן נישט פאַרגעסן דעם 8טן מערץ, און נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָ־

לוציע האָבן זיי באַנייט דעם דאָזיקן קעמפערישן אַרבעטער־טאָג. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט אויפגעלעבט דעם אינטער־נאַציאָנאַלן פּרויען־טאָג. פּונקט ווי אין פאַל מיטן ערשטן מאַי, זײַנען דאָס די קאָמוניסטישע פּאַרטייען וואָס גייען אָן מיט די טראַדיציעס פון 8טן מערץ, ווען די אַרבעטער נוצן אויס דעם טאָג צו רופן די פּראָלעטאַרישע פרויען צו פאַרנעמען זייער פּלאַץ אין די קאַמפן לעבן די מענער־אַרבעטער.

די צוקונפט געהערט דעם קאָמוניזם

טשאַרלס רוטענבערג האָט דעם ערשטן מאַי, 1923, געשריבן פאַר דער ספּעציעלער אויסגאַבע פון דעם דעמאָלט־וועכנטלעכן „וואָירקער":

„דער ערשטער מאַי, וואָס רופט אַרויס שרעק אין די הערצער פון די קאַפּיטאַליסטן און האָפענונג בײַ די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט, וועט הײַ־יאָר געפינען די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן אַ סך שטאַרקערע ווי ווען עס איז אין איר געשיכטע. . . . דער וועג איז פרײַ פאַר גרעסערע דערגרייכונגען, און די צוקונפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פּונקט ווי ערגעץ אַנדערשוואו, באַלאַנגט דעם קאָמוניזם."

אין אַ וועכנטלעכן „וואָירקער" האָט יודזשין וו. דעבס מיט אַ דור צוריק געשריבן אין אַן אויסגאַבע פאַרן ערשטן מאַי פון יענער צײַטונג, וואָס איז דערשינען דעם 27טן אַפּריל, 1907 : „דאָס איז דער ערשטער און דער איינציקער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־טאָג. ער געהערט דעם אַרבעטער־קלאַס און ער איז געווידמעט דער רעוואָלוציע."

די וועלט איז היינט־צו־טאָג נענטער צום קאָמוניזם. מיר לעבן איצט אין אַ מער פאַרגעשריטענעם פּעריאָד. דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך אַ טרייסל געטאָן אַרונטער און ער האַלט אין איין פאַלן אין יענער ריכטונג. די פאַרשאַרפונג פון זײַנע אייגענע ווידערשפּרוכן מאַכט זײַן עקזיסטענץ אַלץ שווערער. די אַרבעטער וואַקסן אין זייער פּאָ־ליטישן באַוואוסטזײַן און זײַנען איצט פאַרטאָן אין אַ קאָנטער־אָפענסיווע, וואָס וואַקסט אין פאַרנעם און אין דער טיף. די אונטער־דריקטע קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע פעלקער רעוואָלטירן און דראָען דער מאַכט פון אימפּעריאַליזם.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד וועלן די אַרבעטער אין טאָג פון ערשטן מאַי איבערקוקן די פענאָמענאַלע דערגרייכונגען אין דעם אויפבוי פון סאָציאַליזם. אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וועט דער ערשטער מאַי, ווי שטענדיק, זײַן דער טאָג פון קאַמף פאַר די באַלדיקע פּאָ־ליטישע פאָדערונגען פון אַרבעטער־קלאַס, אין וועלכע די לאָזונגען פאַר אַ פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און פאַר אַ סאָוועטישער רעפּובליק וועלן נישט פאַרנעמען דעם סאַמע לעצטן פּלאַץ.

שאַפט זיך איין

אַ מאַרקסיסטיש-לעניניסטישע ביבליאָטעק

לענין, ווערק אין אידיש

18 ביכער געבונדן אין 6 פּראַכט-בענדער — — $5.50

לאַפּידוס און אָסטראָוויטיאַנאָוו, פּאָליט. עקאָנאָמיע 1.25

קאַרל מאַרקס די קלאַסנקאַמפן אין פראַנקרייך — .35

יעפימאָוו און פרייבערג, די עפּאָכע פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם, געבונדן — 1.25

גוקאָווסקי און טראַכטנבערג, די עפּאָכע פון פעאָדאַ-ליזם, געבונדן — 1.25

לעניז, די געשיכטע פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, געבונדן — 1.25

קאָמוניסטישער מאַניפעסט — .10

פּאָפּולערע פּאַמפלעטן וועגן צייט-פראַגן:

י. סטאַלין, באַריכט צום 17טן קאָנגרעס פון דער סאָוועטישער קאָמ. פּאַרטיי, 64 זייטן — .10

מ. איגין, קאָמוניזם, צוליב וואָס און פאַר וועמען? 96 זייטן — .10

י. סולטאַן, פאַראייניקטער פראָנט, ווער איז פאַר און ווער קעגן — .05

פּ. נאָוויק, פאַשיזם אין דייטשלאַנד — .03

פּ. נאָוויק, ציוניזם אין אַ ברוין העמדל — .03

גריים האָטשינס, פרויען און מלחמה — .03

מ. ליטווינאָוו, דער סאָוועטן-פאַרבאַנד פאָדערט אמת'ן פרידן — .02

פּ. שפּראַך, די פאַשיסטישע קאָנטער-רעוואָלוציע און די אידישע בורזשואַזיע — .10

פרייהייט בוכהאַנדלונג און פאַרלאַג

35 איסט 12טע גאַס, ניו יאָרק